STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11746

DI FLIH-MASHIN, ODER, A RAYZE ARUM DER VELT IN A LUFT SHIF

Jules Verne

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די

פליה-מאשין

אָדער

א רייזע ארום דער וועלט אין א לופט שיף

פון זשול ווערן.

פרייא בעארבייטעט פון

א. טאנענבוים.

פרייז, 10 סענט.

דרוק אונד פערלאג פון

די היברו פאָבלישינג קאָמפּאַני,

122־128 לעאָנאַרד סט., ברוקלין, נויאָרק.

HEBREW PUBLISHING CO.,

122-128 Leonard Street, Brooklyn, New York.

דיא פליה מאשין.

פריי בעארבייטעט נאך זשול ווערן,

פון א. טאננענבוים.

קאפיטעל 1.

דאס דועל.

— איך זאג נאך א מאל, איך האב אליין געהערט „יענקי דודל!" האט געזאגט איינער.

— און איך בעהויפטע דאס מייניגע, איך האב געהערט רול בריטאניא, האט געענטפערט דער אנדערער.

ביידע מענשען זיינען געשטאנען איינער געגען אנדערן מיט געלאדענע רעוואלווערען און זיינען געווען בערייט צו שיסען איינער אויפ'ן אנדערן. איינער איז געווען אן אמעריקאנער און דער אנדערער איז געווען אן ענגלענדער. זיי זיינען געשטאנען אויף גאוטס איילענד, א קליינע אינזעל אין טייך ניאגארא פאר דעם בעריהמטען ניאגארא וואסער-פאל.

פאר וואס אבער האבען זיי זיך געוואלט שיסען? — פאר א וואונדער, פאר א יעטעניש, וועלכע האט דאמאלס איבערראשט יעדען, דעם געבילדעטען וויא דעם אונגעבילדעטען. זייט איינינע צייט האט מען אנגעהויבען צו הערען פון הימעל א זאנדערבארע מוזיק, דאס שפילען פון א פלייט אדער דאס שאלען פון א טרומפעט. היינט האט מען געהערט דיעזע זאנדערבארע מוזיק אויף דער שטערנווארטע אין פולקאווא, רוסלאנד, מארגען האט מען זיא געהערט פון א הויכען טהורם אין ראמאסקוס, איבערמארגען האט מען זיא געהערט אין כינא און פיער און צוואנציג שטונדען שפעטער האט מען זיא געהערט אין אמעריקא.

דיא אונגעבילדעטע מענשען, וועלכע האבען געהערט אין דערמיט פון א שטילער נאכט א זאנדערבארע מוזיק פון הימעל, האבען זיך דערשראקען און האבען געגלויבט אז משיח קומט און אן ענגעל בלאזט שוין מיט'ן גרויסען שופר. דיא געבילדעטע מענשען וואס האבען געהערט דיעזע זאנדערבארע מוזיק, האבען זיך פערטראכט און האבען געפרעגט: וואס איז דאס? איז דאס ווארהייט? האבען אונזערע אויערן ווירקליך געהערט?—פון וואנען קומט עס? גאנץ הויך אין הימעל איז גאר קיין לופט ניטא, ריכטיגער נאך, דיא לופט איז דארט אזוי שיטער, אזוי שיטער, אזוי דין, אז מען פיהלט זיא ניט. מוזיק אבער קען מען מאכען נור אין דער לופט, אהן לופט ווירקט קיין שטימע, קיין אינסטרומענט, אלזא מוז דאך דיעזע מוזיק קומען ניט פון הימעל, גיט פון דער הויך, ניט פון גאנץ הויך, פאר וואס זעהט מען אלזא ניט דעם מוזיקאנט?

דיא צייטונגען האבען אויפגעכאפט דיעזעס רעטעניש און האבען אנגעהויבען צו דיסקוטירען, צו דעבאטירען, צו ערקלעהרען, געבען צו פערשטעהן און צו פערדרעהען דיא קעפּ פון דיא לעזער. יעדע צייטונג האט עס ערקלעהרט אויף איהר ארט, יעדע האט געוואָלט בעווייזען אז זיא פערשטעהט עס בעסער פון אלע אנדערע. פון וואנען עס קומט דיזע זאנדערבארע מוזיק. א ניו-יארקער הומאריסטישע צייטונג האט געשריבען אז דייטשע מוזיקאנטען פאהרען ארום אויף א לופט באלאן און גיבען אפּ קאנצערט אין דער לופט.

דיא ערנסטע מענער, דיא אסטראנאמען, האבען אנגעשטעלט זייערע טעלעסקאפּען און פלעגען דורך דיא נעכט זוכען אין הימעל דעם זאנדערבארען ארקעסטער. זייט דיא וועלט שטעהט, זייט דיא מענשען האבען אנגעהויבען זיך צו צוקוקען צו דיא שטערען און אויסצופארשען דיא פּלאנעטען, האט מען ניט אזוי פלייסיג געקוקט אויף'ן הימעל און געזוכט אין הימעל, וויא אין דיא מאנאטע אפּריל, מאי און יוני פון 18......

פּלוצלונג איז אנגעקומען א טעלעגראמע פון דעם אבסערוואטאריום אין גרינוויטש, ענגלאנד, אז אין דער צייט ווען מען האט געהערט דיא זאנדערבארע מוזיק אין הימעל, האט מען געזעהען א נייעס, זאנדערבארעס ליכט, וויא פון א זעהר שטארקער עלעקטרישער לאמפּ. דאס האט אבער אפּגעלייקענט דאס אבסערוואטאריום פון ליק, קאליפארניען. דיא אסטראנאמען פון ליק האבען אויך געהערט דיא מוזיק, אבער זיי האבען קיין ליכט ניט געזעהן.

צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך איז שיער ניט אויסגעבראכען א קריעג איבער דיעזע זאנדערבארע מוזיק. דיא פראנצויזישע אסטראנאמען האבען בעהויפּ-

טעט אז דיעזע הימעל מוזיק האט געשפיעלט דיא „מארסעליעזע,“ דיא דייטשע געלערנטע אבער האבען פעסט ערקלעהרט, אז דיעזער הימעל־ארקעסטער שפיעלט „דיא וואכט אם רהיין.“ מען האט אנגעהויבען זיך צו קריגען, זיך צו זאגען שטעכווערטלעך און ענדליך זיך צו בעליידיגען און עס וואלט געוויס אויסגעבראכע א נייער קריעג צווישען דיעזעביידע פעלקער, ווען עס זאל ניט געווען אנקומען א טעלעגראמע פון סאנקט פעטערסבורג אז דארט האט מען גאר געהערט וויא דיא הימעל מוזיק האט געשפילט „באזשע צאריא חראני!“

אין דער נאכט פון 12טען אויפ׳ן 13טען מאי האט מען געהערט דיעזע מוזיק איבערן טייך ניאגארא, וועלכער איז דיא גרענעץ צווישען דיא פעראייניגטע שטאאטען און קענעדע. דיא אמעריקאנער, וועלבע זיינען געשטאנען פון דער זייט טייך, האבען געהערט וויא דיא מוזיק האט געשפיעלט „יענקי דודל,“ דיא ענגלענדער אבער, וועלכע האבען שפאציערט אין וויקטאריא פארק פון יענער זייט טייך, האבען בעהויפטעט אז דיא מוזיק האט געשפיעלט „רול בריטאניא!“

צוויי היצקעפ, אן ענגלענדער און אן אמעריקאנער, האבען זיך דאריבער צווערטעלט און האבען זיך אזוי צוקאכט, אז דער אמעריקאנער האט ארויסגערופען דעם ענגלענדער אויף א דועל. ביידע געגנער זיינען שוין געשטאנען פערטיג צום שיסען און זיי וואלטען זיך געוויס געוועזען געשאסען, ווען עס זאל ניט געווען צוקומען א דריטער מיט א בלאט צייטונג אין וועלכען עס איז געווען בעשריבען דיעזעלבע געשיכטע צווישען פראנקרייך, דייטשלאנד און רוסלאנד.

דיא געגנער האבען יעצט איינגעזעהן, אז דער זאנדערבארער הימעל ארקעסטער שפיעלט אין יעדען לאנד זיין בעליעבטעס פאלקס ליעד. אין פראנקרייך האט ער געשפיעלט דיא „מארסעליעזע“, אין דייטשלאנד—„דיא ווארט אם רהיין,“ אין רוסלאנד—„באזשע צאריא חראני!“ אין דיא פעראייניגטע שטאאטען—„יענקי דודל,“ אין קענעדע—„רול בריטאניא!“

אבער ווער האט עס געשפיעלט? פון וואנען איז געקומען דיעזע מוזיק? אויף דיעזע פראגע האט געגעבען אן אנטווארט א כינעזישער געלערנטער צי־קא־וויי. ער האט אויך געזוכט אין הימעל מיט א טעלעסקאפ און האט געהערט דיא מוזיק.

— דאס איז א פליה מאשין, האט ער ערקלעהרט, וואהרשיינליך האט איינער אויסגעפונען א נייע פליה מאשין און ער פאהרט מיט איהר ארום מיט אן איינענעם ארקעסטער. ווען ער קומט אין א לאנד, הייסט ער זיין ארקעסטער שפיעלען דיא פאלקס הימנע, דאס פאלקס ליעד פון דעם לאנד.

דאס האט געשריבען א כינעזער, אָבער ווער וויל עס גלויבען וואס א כינעזער שרייבט? איז א טשאיני־מען אויך א מענש?—ווער וועט עס אננעהמען דיא מיינונג פון א כינעזען?

אזוי איז פערגאנגען איין מאָנאט נאָך'ן אנדערן און קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער עס שפּיעלט ביי נאכט אין הימעל.

2טעם קאפּיטעל.

אן אונ־והיגער מיטינג.

דער וועלדאן קלוב פון פילאדעלפיא איז אמאָל געוועזען איינער פון דיא בעריהמטעסטע פעראיינע ניט נור פון אמעריקא זאָנדערן פון דער גאנצער וועלט. דאס איז געוועזען א פעראיין פון געלערנטע מענער פון גאנץ אמעריקא מיט דעם צוועק אויסצופאָרשען און צו בעפעררערן דיא קונסט און דיא וויסענשאפט פון פאָרען אין א לופט באלאָן. אום צו ווערען א מיטגליעד פון וועלדאן קלוב האט מען געמוזט ווענינסטען איין מאָל מאכען א רייזע אין א לופט באלאָן, אָדער ערפינדען עפּעס נייעס אין דער קונסט צו בויען א לופט באלאָן.

דיא מיטגלידער פון וועלדאן קלוב האָבען געמוזט זיין שטארק, געזונד, געלערנט און רייך. זיי האבען אויסגעקליבען פילאדעלפיא פאר זייערע פערזאמלונגען, ווייל פילאדעלפיא איז פיעל רוהיגער פון ניו יאָרק, האט מעהר פרייען פּלאץ פון ניו יאָרק און דאס מיטינג לאָקאל פון וועלדאן קלוב אין טשעסטנוט סטריט איז געווען דער גרעסטער, שעהנסטער און בעקוועמסטער פּלאץ פאר א גרויסע פערזאמלונג.

מיר דארפען ניט פערגעסען, אז פילאדעלפיא איז דיא פיערטע גרויסע שטאָדט אין דער וועלט, פילאדעלפיא האָט א פארק, וועלכער איז גרעסער פון אלע לאָנדאָנער זיעבען פּארקס צוזאמען און אין פילאדעלפיא געפינען זיך געביידען, וועלכע מען קען ניט געפינען אין פאריז, לאָנדאן בערלין און וויען.

אין דער נאכט פון 25טען אויף'ן 26טען יוני איז געווען גענעראל און ספּעציאל פערזאמלונג פון וועלדאן קלוב, אלע מיטגלידער זיינען געקומען אויף'ן מיטינג. עס איז אויך געווען א זעהר וויכטיגער מיטינג: א מיטגליעד האט אויסגעפונען אז ווען מען ואל מאכען שרויבע צו א לופטבאלאָן, קען מען איהם קירעווען, דרעהען און איהם פיהרען וואוהין מען וויל.

דיא הויפט שוויעריגקייט ביי א רייזע אין א לופט באלאן איז דיזע, וואס קוים הויבט זיך אויף דער לופט באלאן אין דער הויך, קען מען איהם שוין ניט רע־גיערען, דער ווינד שלעפט איהם און ווארפט איהם און שליידערט איהם אין אלע זייטען. איינער וויל פאהרען קיין אסטען (מזרח) און ער מוז פאהרען קיין וועסטען (מעריב), ווייל דער ווינד וועהט נאך וועסטען. זייט דיא ברידער מאנגאלפיע הא־בען אויסגעפונען דעם לופט באלאן אין 1783 ביז אין דעם טאג ווען דער וועלדאן קלוב האט אפגעהאלטען זיין גענעראל און ספעציאל מיטינג האט מען אלץ גע־קלעהרט, געטראכט און געפארשט וויא אזוי געפינט מען אויס א מיטעל צו רעגיע־רען דעם לופט באלאן און צו קירעווען איהם וואוהין מען דארף און וואוהין מען וויל פאהרען. יעצט איז געקומען א מיטגליעד פון וועלדאן קלוב און בעהויפטעט, אז אזוי וויא א שיף ווערט רעגיערט און געקירעוועט מיט א שרויבע, אזוי דארף מען קענען רעגיערען און קירעווען א לופט באלאן מיט א שרויבע.

דיזע פראגע איז פערהאנדעלט געווארען אויף דיזען ספעציאל מיטינג.

דער מיטינג איז געוועזען א זעהר אונרוהיגער, אלע האבען געשריען, אלע הא־בען געליארעמט.

— דיא שרויבע דארף זיין ביים לופט באלאן פון פארנט! האט געשריען אין דער הויך דשים ספארט, א רייכער פארמער פון קענטאקי.

— דיא שרויבע דארף זיין פון הינטען פון לופט באלאן, וויא ביי א שיף! האט געשריען נאך העכער פון איהם פהיל עוואנס, דער סעקרעטער פון וועלדאן קלוב.

פיליפ עוואנס אדער וויא מען פלעגט איהם געוועהנליך רופען פיל עוואנס, איז געוועזען א הויכער, שטארקער, קרעפטיגער מאן פון א יאהר פיערציג. ער איז געוועזען א מעכאניקער, א קינסטלער און א געלערנטער, ווייל ער איז געוועזען דער פרעזידענט פון דער „וואלטאם וואטש קאמפאני,‟ א געזעלשאפט וועלכע מאכט א טאג פינף הונדערט ווערק פון טאשענגאוהרען און דיא וועלט האט אנערקענט אז דיא וואלטאם טאשענגאוהרען זיינען פיעל בעסער אלס דיא שווייצער.

— רוהיג זיין! איהר האט ניט דאס ווארט! האט אויסגערופען אנקעל פרו־דענס און האט א קלאפ געטאהן מיט'ן האמער.

אנקעל פרודענס איז געוועזען דער פרעזידענט פון וועלדאן קלוב. ער איז אויך געוועזען זעהר רייך און איז נאך דערצו געוועזען פרעזידענט פון „ניאגארא פאללס פאוער קאמפאני,‟ א געזעלשאפט וועלכע נוצט אויס דיא קראפט פון דעם בעריהמטען

וואסער פאל צו טרייבען מאשינען אין פאבריקען פון ניו־יארק און אלע שטעדט ארום.

זיין פאמיליע־נאמען איז געווען פרודענט, אבער אלע, וועלכע האבען איהם געקענט, פלעגען איהם רופען אנקעל פרודענט, ווייל ער איז געווען פריינדליך געגען יעדען מענשען און איז שטענדיג בערייט געווען צו טאהן פאר יעדען, וואס ער האט נאר געקענט.

פיעל עוואנס איז געווען דער איינציגער מענש אין וועלדאן קלוב, וועלכער איז ניט געווען גאנץ פריינדליך מיט אנקעל פרודענט. זיי האבען זיך קיין מאל ניט געקריעגט, קיין מאל ניט געזאגט איינער דעם אנדערן א ניט פאסענדעס ווארט, אדער געוויעזען איינער דעם אנדערן א קרומע מינע. פיל עוואנס איז ניט געווען צופרידען פאר וואס אנקעל פרודענט איז געווארען פרעזידענט פון וועלדאן קלוב, ווייל ער אליין האט געוואלט ווערען פרעזידענט און ער איז אויך געווען נאמינירט אלס פרעזידענט, ווען עס איז אבער געקומען צו דער וואהל, האט אנקעל פרודענט בעקומען מיט איין שטימע מעהר פון איהם. זייט דאמאלס איז פיל עוואנס בייז געווארען אויף אנקעל פרודענט און ווען אנקעל פרודענט פלעגט זאגען יא, פלעגט פיל עוואנס זאגען ניין.

זייט איינינע צייט האבען פיעלע מיטגלידער פון קלוב ארייגעבראכט נייע פארשלעגע און נייע ערפינדונגען וויא אזוי צו רעגיערען א לופט באלאן. איינער האט אויסגעטראכט צו טרייבען דעם לופט באלאן מיט עלעקטריציטעט אנאנדע־רער—מיט קעראסין, א דריטער מיט גאזאלין. יעדער האט בעוויזען אז זיין ערפינדונג איז דיא בעסטע. מען האט בעשלאסען צו מאבען א גרויסען און שטארקען לופט באלאן און צו פראבירען מיט איהם אלע ערפינדונגען. דיא מיטגליעדער פון וועלדאן קלוב האבען זיך צונויפגעלייגט דריי הונדערט טויזענד דאלאר און מען האט געמאכט דעם לופט באלאן, וועלכען מען האט א נאמען געגעבען „גא אהעד!“

אין דעם אבענד פון 25טען אויף'ן 26טען יוני האט מען געדארפט בעשליע־סען ווען מען זאל מאכען דיא ערשטע פראבע, אבער דא האט זיך אנגעהויבען א נייע דעבאטע איבער דער שרויבע. עס איז געווארען א ליארם, א געשריי, א געוואלד. יעדער האט געוואלט בעווייזען, אז ער פערשטעהט בעסער וויא אזוי צו גע־ברויכען דיא שרויבע, יעדער האט געוואלט בעווייזען, אז נור ער קען רעגיערען א לופט באלאן.

פלוצלונג איז דיא איננערע וואכע צוגעגאנגען צום פרעזידענט און האט איהם דערלאנגט א בריעף. אלע זיינען שטיל געבליבען.

— א צושריפט פון א פרעמדען, האט אנקעל פרודענט ערקלערט.

— לעזט עס פאר! האבען אויסגערופען אייניגע שטימען.

— א גאנץ פרעמדער מאן בעט, מען זאל איהם ערלויבען ארייגצוקומען אויף אונזער מיטינג, האט אנקעל פרודענט געזאגט.

— מען דארף ניט! מיר דארפען קיינע געסט אויף אונזערע מיטינגען! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

— ער וויל בעווייזען, אז יעדע ערפינדונג צו רעגירען א לופט באלאן איז אן אונזין, האט אנקעל פרודענט ערקלערט,—ער וויל בעווייזען, אז דיא גאנצע אידעע פון א לופט-באללאן איז פאלש, ווייל וויא מען מאכט איהם יעצט, וועט מען קיין מאל ניט קענען פאהרען אויף איהם וואו מען וועט דארפען.

— פיהרט איהם אריין! לאמיר איהם אויסהערען! האט מען געשריען.

— וויא הייסט ער? האט פיעל עוואנס געפרעגט.

— ער הייסט ראבור, האט אנקעל פרודענט געענטפערט.

— ראבור?—ראבור? וואס איז דאס פאר א נאמען? האבען געפרעגט דיא מיטגלידער איינער דעם אנדערן.

3טעם קאפיטעל.

דער פרעמדער.

א מאן פון מיטעלען וואוקס מיט ברייטע פלייצעס, מיט א גרויסען קאפ, מיט א פאר גרויסע אויגען, מיט א שעהנעם געזיכט איז אריינגעקומען אין זאל. ער איז צוגעקומען גלייך צום פרעזידענט, האט זיך אנידער געשטעלט אויף דער פלאט-פארם, האט זיך לייכט פערנייגט און האט געזאגט מיט א פעסטער, העלער, קלינ-גענדער שטימע.

— בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען! איך הייס ראבור, דאס הייסט קראפט, מאכט און איך בין שטאלץ מיט מיין נאמען. איך בין פיערציג יאהר אלט, בין שטארק וויא איין אייזען, מיינע מוסקעלן זיינען פעסט וויא שטאהל. אזוי בין איך קערפערליך געזונד, גייסטיג בין איך ניט וועניגער שטארק וויא קערפערליך. איך האב פאר קיינעם קיין מורא, פאר קיין מענשען און פאר קיין זאך. איך בין אן ערפינדער און ווען איך בעהויפטע א זאך וועט דיא גאנצע וועלט מיר ניט קע-

נען איינריידען, אז עס איז ניט אזוי. ווען איך וויל עפּעס טאהן, מוז איך עס אויספיהרען און ווען די וועלט זאל זיך שטעלען נעגען מיר.

— איך דערצעהל אייך דאס אלעס אום אייך צו ערקלעהרען מיין כאראקטער און מיינע פעהיגקייטען. איך רעד פיעלייכט צופיעל, עס איז אבער נעטהיג אייך דאס אלעס צו זאגען אום איהר זאלט מיך אויסהערען אויפמערקזאם און זאלט מיך ניט אונטערברעכען. איך וועל אייך זאגען זאכען וועלכע וועלען אייך ניט געפעלען, אבער איבערלעגט אייך צוויי מאהל איידער איהר וועט מיר איין מאהל אנטווארטען.

— רעדט ווייטער, פּרעמדער, האט אנקעל פרודענט געזאגט.

פיל עוואנס האט געווארפען אויף איהם א בייזען בליק.

ראבור האט זיך געמאכט גלייך וויא ער הערט ניט און זעהט ניט, וואס עס קומט פאר ארום איהם און האט ווייטער געזאגט:

שוין מעהר אלס הונדערט יאהר זייט מענשען האבען אויסגעפונען דעם לופט באללאן, האט מען זיך געשטעלט די פראגע:—וויא אזוי זאל מען רעגירען דעם לופט באללאן? וויא אזוי זאל מען קירעווען דעם לופט באללאן און מאכען אז מען זאל קענען אויף איהם פאהרען וואוהין מען וויל? קלוגע מענשען, געלערנטע מענשען, האבען געקלעהרט, געטראכט און זיך געבראכען דעם קאפּ וויא אזוי צו לעזען דיעזע רעטעניש. מען האט אויסגעטראכט מאשינען מיט דאמפּף, מיט עלעקטריציטעט, מען האט נאכגעמאכט א שיף, מען וויל רעגירען דעם לופט באלאן מיט א רודער,—אומזאנסט! זייער מיה, זייער ארבייט, זייער שטרעבען, זייערע פערזוכע, אלעס איז געוועזען אומזיסט. עס האט זיך ארויסגעוויזען אז מען וויל מאכען מעגליך דאס אונמעגליכע.

— אויך איהר, מיטגלידער פון וועלדאן קלוב! אויך איהר האט אייך פערזאמעלט אום צו פערהאנדלען איבער א נייע ערפינדונג, א לופט באללאן מיט א שרויבע. איך וויים אז דיעזע ערפינדונג האט אייך געקאסט פיעל געלד און איך זאג אייך אז איהר האט ארויסגעווארפען אייער געלד אין וואססער, איך וואלט געזאגט אין דער בלאטע, אבער איך זאג בעסער, אז איהר האט ארויסגעווארפען אייער געלד און אייער מיה אין דער לופט. איהר קעמפּפט נעגען דאס אונמעגליכע!"

— זאנדערבאר! די מיטגלידער פון וועלדאן קלוב, וועלכע האבען פריער אזוי געשריען געליארמט און אזוי היציג דעבאטירט, וואו מען זאל מאכען די

שרויבע צום לופט באלאָן, האבען יעצט גאַנץ שטיל און רוהיג אויסגעהערט, וואס ראַבור האט זיי געזאגט, און קיינער האט זיך ניט א ריהר געטאָהן.

— ווייסט איהר וואס א לופט באלאָן איז? האט ראבור ווייטער געזאַגט.— ווייסט איהר, וואס א לופט באלאָן איז? — א שפיעל צייג פאר קינדער! דער גאנצער פלאן פון א לופט באלאָן איז פאלש, דער פרינציפּ איז ניט ריכטיג. — פאר וואס פליעהט דער לופט באלאָן? ווייל ער איז אָנגעפילט מיט גאז וועלכעס איז לייכטער פון דער לופט. מען דארף האבען א קוביק פוס גאז אום אויפצוהויבען איין פונט געוויכט. — ווייסט איהר אבער, וואס פאר א קראפט דער ווינט האט? ווייסט איהר אז דער געוועהנליכער ווינט, וועלכער טריבט דיא זעגעל פון א שיף, האט אין זיך א קראפט פון פיער הונדערט פערד? וויא קען אזא שפּיעלצייג, וויא א לופט באלאָן אויסהאלטען א קראפט פון פיער הונדערט פערד? דיא געשטאלט פון א לופט באלאָן, זיין פאָרם, איז געגען דעם פרינציפּ פון פליעהען, וויא מיר געפינען עס אין דער נאטור. א לופט באללאן האט קיינע פליגעל, וויא א פויגעל, קיין אויסגעשפרייטע הויט וויא א פלעדער מויז, און קיינע לאנגע פלאספעדערען, וויא דיא פליהענדע פיש. -דער לופט באללאן איז אן אונזין!

דיא אנוועזענדע האבען אָנגעהויבען צו מורמען און צו ברומען אונטער דער נאָז, ראבור האט זיך זאגאר ניט אומגעקוקט און האט ווייטער געזאגט:

— דענקט אבער ניט, אז איך וויל בעהויפּטען, אז דער מענש זאל זיך אין גאנצען אפּזאָגען פון דעם געדאנקען צו פליעהען אין דער לופט. אים געגענטהייל! דער מענש מוז בעזיעגען דיא לופט, וויא ער האט בעזיעגט דאס וואסער, וויא ער האט בעזיעגט דעם ווינד און האט איהם איינגעשפּאנט אין זיינע ווינד מיהלען און צו זיינע זעגעל שיפען. איך זאג נור, אז דער פרינציפּ פון א לופט באלאן איז פאלש. איך בעהויפּט נור, אז דער לופט באללאן איז אן אונזין, ווייל ער איז לייכטער פון דער לופט, וועו מען וויל פאהרען אויף דער לופט, מוז מען געברויכען א מאשין, וועלבע איז שווערער פון דער לופט און שטארקער פון דער לופט.

— דאס איז דאך אונמעגליך! האט פיל עוואנס אויסגערופען.

אנקעל פרודענט האט א קלאפּ געטאָהן מיט'ן האמער און האט געבעטען עס זאל זיין שטיל.

— בעטראכט דעם אדלער, וויא ער פליהט אין דער לופט, האט ראָבור ווייטער געזאגט, איז דען דער אדלער ניט שווערער פון דער לופט און פון דעסטוועגען פליעהט ער, וואהין ער וויל?

אבער דער אדלער פליעהט נעגען אלע געזעצע פון דער מעכאניק! האט זשים ספּאָרט איהם אונטערבראכען.

— איהר מיינט נעגען דיא געזעצע, וועלכע איהר קענט, האט ראבור געענט־פערט, ווען דער אדלער פליעהעט, דארפען מיר איהם נאכמאכען און בויען א מאַ־שין, וועלכע זאל פליעהען, וויא ער. ווייסט איהר, וויא פיעל געוויכט א פליעג קען טראגען מיט זיך, ווען זיא פליעהט? — דאס האט בערעכענט דער געלערנטער דע לוסי. ער האט אויסגעפונען, אז א זומער פייגעלע, וועלכע וועגט 30 גראן, קען טראגען מיט זיך ווען ער פליעהט, א געוויכט פון 600 גראן אדער צוויא הונדערט מאָל מעהר, וויא פיעל זיין קערפּער וועגט? — איהר ווייסט פיעלייכט אויך ניט, אז וואס גרעסער און וואס שווערער א פויגעל איז, אלץ קליינער זיינען זיינע פליעגעל געגען זיין קערפּער, איהר ווייסט פיעלייכט ניט, אז א שוואלב האט צוויי מאל לענ־גערע פליעגעל, נאך דעם מאָס פון איהר קערפער, וויא דער אדלער? — מיר מוזען אלזא מאכען א מאשין, וועלכע זאָל זיין געבויט פונקט וויא דער אדלער. דאן ווע־כען מיר קענען פליעהען גאנץ הויך און אויספאָרשען דעם הימעל און דיא שטערן.

— האָט איהר שוין פּראבירט מאכען אזא מאשין? האט איינער געפרעגט.

— יא.

— אבער זיא איז ניט געפלויגען! האט געלאכט אנאנדערער.

— ערלויבט מיר, איך זאל אייך ניט גלויבען! האט פיל עוואנס אויסגע־רופען.

— מיינע העררען! איך האב קיין מאל ניט געזאגט א ליגען, האט ראבור געזאגט שטאלץ.

— איז דאס אלזא דאס ערשטע מאל אין אייער לעבען, וואס איהר זאגט א ליגען, האט פיל עוואנס בעמערקט.

— מיינע העררען! איך האב פיינט צו שפּאסען און ווען איינער בעליידיגט מיך, ווייס איך וויא אזוי איהם אנצולערנען, האט ראבור געענטפערט שטאלץ.

— ווארפט איהם ארויס! וואס וויל ער? וואס דארף ער דאָ? האט מען געשריען פון אלע זייטען.

אַנקעל פרודענט האט געקלאפּט מיט'ן האמער און האט געבעטען, מען זאל זיך פערהאלטען רוהיג. אבער קיינער האט איהם ניט געהערט. עס האבען זיך אויס־געשטרעקט שטאַרקע הענד און האבען געוואָלט ארויסווארפען דעם פרעמדען.

ראָבור האט רוהיג און קאלטבליטיג ארויסגענומען פון דער קעשענע צוויא רעוואָלווערס און האט זיי אויסגעשטעלט נעגען דיא הענד, וועלכע האבען געוואלט

איהם אָנגעהמען. דאס האט געווירקט דיא צוהיצטע מיטגליעדער פון וועלדאן קלוב האבען אויף א מינוט אפגעטרעטען פון איהם. באלד אבער האבען עטליכע אויך ארויסגענומען רעוואָלווערס און האבען געציעלט אויף ראָבור.

— איהר זייט קיינע אמעריקאנער בירגער, איהר זייט אמעריקאנער עזעל! האט ראָבור געזאגט.

פינף רעוואָלווערס האבען אויסגעשאסען, דער זאל איז געוואָרען פול מיט רויך. ראָבור איז פערשוואונדען געוואָרען.

4טעם קאפיטעל.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס ווערן געפאנגען

ווען ראָבור איז פערשוואונדען געוואָרען, האט זיך ערשט אנגעהויבען א גע־שריי און א געוואלד אין וועלדאן קלוב. דער פרעזידענט האט געקלאפט מיט'ן האמער, ביז דיא הענד האבען איהם אָנגעהויבען וועה צוא טאָהן; עס האט אבער גאָר ניט געהאָלפען און ער האט געמוזט שליעסען דעם מיטינג.

מען איז זיך צוואר צוגאנגען, אָבער אויך אויף דער גאס האט מען געשריעען און געליארמט, בעזאָנדערס איז מען בייז געווען אויף דעם פרעמדען יעדעס מיט־גליעד האט זיך געפיהלט בעליידיגט און געקרענקט ביז צום אייסערסטען. דער פרעמדער האט אויסגעלאכט זייער לופט באַללאָן און האט זיי נאָך גערופען עזלען. אזא בעליידיגונג קען אן אמעריקאנער ניט איבערטראָגען.

אנקעל פרודענט, דער פרעזידענט, און פיל עוואנס, דער סעקרעטער פון וועל־דאן קלוב זיינען צו זאַמען געגאנגען און האבען גערעדט איבער דעם היינטיגען מי־טינג. הינטער זיי איז געגאנגען דזשים בראון אנקעל פרודענטס דיענער.

דזשים בראון איז געווען א נעגער, א הויכער, געזונדער און שטארקער נעגער פון א יאהר עטליכע און דרייסיג, ער איז אָבער געווען אזא פייגלינג, אזא טרוס, אז ער האט מורא געהאט פאר א קאץ. אזוי וויא אָנקעל פרודענטס איז ניט גע־ווען פערהייראטהעט און האט געוואוינט גאנץ אליין און א קאָטעדש ניט ווייט פון פייער מאונט פארק, פלעגט דזשים בראון מורא האבען צו בלייבען אליין ביי נאכט און קאטעדש און פלעגט מיט געהן מיט זיין העררר און דיא קלובס און אויף מיטינ־גען. יעצט איז ער נאכגעגאנגען אנקעל פרודענט און פיל עוואנס.

— ווען איך זאל געווען פיהרען דיעזען מיטינג, וואלט איך ניט צוגעלאָזען צו אזא סקאנדאל, האט פיל עוואנס געזאגט.

— וואס וואלט איהר דען געטאהן? האט אנקעל פרודענט געפרעגט.

— איך וואלט צוגענומען דאס ווארט פון דיזען ראבור אדער טייפעל.

— ער האט דאך גערעדט, וויא א וויסענשאפטליכער מענש, האט מען איהם געדארפט לאזען אויסרעדען, האט אנקעל פרודענט געזאגט.

— אה, ניט אין אמעריקא! האט זיך פיל עוואנס געקאכט,— ניט אין אמע־ריקא לאזט מען א וויסענשאפטליכען מענשען זיך אויסרעדען.

— וואס רעדט איהר? אין אמעריקא מעג מען דאך ערשט רעדען!

אזוי האבען זיי גערעדט, זיך געבייזערט און דעבאטירט, ביז זיי זיינען צו גע־קומען צו דער בריק און זשיראַרד עווענין.—דיא געגענד איז א זעהר שטילע און רו־הינע. אום איינס אוהר בייא נאכט זעהט מען דא זעלטען א לעבעדיגען מענשען. אנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען געווען אזוי פערטיעפט אין זייערע דעבאטען אז זיי האבען ניט געהערט און ניט געזעהן, וואס עס טהוט זיך ארום זיי. פלוצלונג האט זיך דעם נעגער בראון אויסגעוויעזען, אז מען געהט זיי נאך און ער האט זיך אזוי דערשראקען, אז מען וואלט געקענט זאגען, ער איז בלייך געווארען, וויא קאלך, ווען ער וואלט געווען א ווייסער, אזוי וויא ער איז אבער געווען שווארץ וויא קאהל זיינעי נור זיינע רויטע ליפען געווארען בלוי, וויא א צייטיגע פלוים.

— אנקעל!.... סער!.... אנקעל! האט ער געשטאמעלט און זיינע געק־רייזעלטע האר האבען זיך אויסגעגלייכט און האבען געוואלט זיך אויפשטעלען.

אנקעל פרודענט האט איהם אבער ניט געהערט און האט ווייטער גערעדט מיט פיל עוואנס. ער האט געוואלט איהם בעווייזען. אז ראבור האט דאך ניט אין גאנצען אונרעכט. ווען דער ווינט, וועלכער טרייבט דעם זעגעל פון א געוועהנליכעס שיף, קען האבען א קראפט פון פיער הונדערט פערד, דאן איז דאך ווירקליך זעהר שווער צו רעגיערען א לופט באלאן מיט א קליינעם לאקאמאטיוו, וועלכער קען האבען העכסטענס נור צעהן פערדע קראפט.

זיי זיינען ווייטער געגאנגען און זיינען ארייננעקומען אין פעיר מאונט פארק, איינעם פון דיא גרעסטע און שעהנסטע פארקס אין דער וועלט. אין דיזער געגענד איז דער פעיר מאונט פארק גאנץ פערווילדערט, ער נעהמט דארט אן דעם כא־ראקטער פון א וואלד. דער ניגער בראון האט בעמערקט. אז ערגעץ אונטער א גרויסען בוים איז געשטאנען עפעס א זאך, א געצעלט, א גרויסער פויגעל, א בער אדער עפעס אנדערש. ער איז געווען אזוי איבערגעשראקען, אז ער האט ניט געקענט זעהן דייטליך, וואס דאס איז.

פלוצלונג האט ער ווידער דערזעהן עטליכע געשטאלטען, מענשען אדער גייסטער, רויבער אדער ניט גוטע, ארויסגעהן פון אונטער א גרויסען, אלטען בוים. דער ארי־מער נעגער האט זיך אזוי דערשראקען, אז ער איז געבליבען שטעהען וויא צוגע־שמידט צו דער ערד. ער האט זיך ניט געקענט ריהרען, ווייל עס האט איהם גע־ווארפען וויא אין א פיבער און ער האט קוים געקענט אויסרופען:

— סער!.... אנקעל!....

דאס מאל האט עס אבער געשריען אזוי הויך און מיט אזוי פיעל פערצווייפ־לונג אין זיין שטימע, אז אנקעל פרודענט האט איהם געהערט און האט געענט־פערט ביין?

— וואס ווילסט דוא? וואס איז מיט דיר?

— אט.... דארט.... האט דער נעגער געשטאמעלט.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען זיך אומגעקוקט. פלוצלונג האבען זיי דערהערט א ראשען, שנעלען, ווילדען פייף. א העלעם, בלענדענדעס עלעקטרי־שעס ליכט האט זיך גאר פלוצלונג פערברייטעט אויף א גרויסע שטרעקע און האט פערבלענדעט דיא דרייא שפאצירענדע. איידער אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען געקענט ארויסרעדען א ווארט, האבען זיך שטארקע, אייזערנע הענד ארויפ־געווארפען אויף זיי, האבען זיי געבונדען וויא דיא לעמער, האבען זיי פערבונדען דיא אויגען, האבען זיי אריינגעשטעלט א שטיק האלץ אין מויל זיי זאלען ניט קענען שרייען און האבען זיי אוועקגעטראגען און לאנגזאם, פארזיכטיג אנידערגעלעגט ניט אויף גראז, זאנדערן אויף ברעטער, אדער אנאנדערע הארטע זאך.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען גערעכענט, אז רויבער זיינען אנגע־פאלען אויף זיי און ווילען זיי בערויבען. דיא גאנצע געשיכטע איז געשעהן אין איי־ניגע מינוט, עס איז געווען א שטומע סצענע, ווייל קיינער האט אין דיעזע עטליכע מינוט ניט גערעדט א ווארט און פון קיינעם האט מען ניט געהערט א פיפס. עס האט זיך זיי אויסגעוויזען, אז מע' האט פערמאכט א טהיר און א שלאס האט א קלונג געטאהן. דאן האט דער ארט, וואו דיא געפאנגענע האבען זיך געפונען, אנ־געהויבען צו ציטערן און זיי האבען געהערט א גערויש וויא דאס מאכען מיט דיא פליגעל פון א גרויסען פויגעל אדער וויא דאס גערויש פון א ראד פון אן עלקטרי־שער מאשין.

מען קען זיך לייכט פארשטעלען וואס עס איז פארגעקומען דעם אנדערן טאג אין פילאדעלפיא ווען מען איז געוואהר געווארען, אז אנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען פערשוואונדען געווארען, דיא גאנצע עפענטליכע און געהיימע פאלי־

ציי איז אויפגעקאכט געווארען, דיא צייטונגען האב׳ען אנגעשריבען לאנגע ארטיקעל דאריבער און דא רעפובליקאנער האבען געשריען אז דיא שטאדט גיט אויס צו ווענינ געלד אויף פאליסלייט. מען מוז האבען וועניגסטענס נאך צוויי הונדערט מאן, דאגעגען האבען דיא דעמאקראטען ערקלעהרט, אז וואס מעהר פאליסלייט אין א שטאדט, אלץ מעהר גניבות קומען פאר. אזוי האט מען זיך ארומגעריסען איבער צווייא הונדערט פאליסלייט און ׳מען האט דאך ניט געקענט אויסגעפינען, וואו אזעלכע צווייא אנגעזעהענע מענשען וויא אנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיי־נען אהינגעקומען.

5טעס קאפיטעל.

דער פרעזידענט מיט׳ן סעקרעטער פון וועלדאן קלוב ווערען ווידער גוטע פריינד.

אין דער ערשטער שטונדע פון זייער געפאנגענשאפט זיינען דיא דריי געפאנ־גענע געלעגען וויא דיא קלעצער, זייערע אויגען זיינען געווען פערבונדען, זייערע מויי־לער זיינען געווען פערשטאפט מיט שטיקער האלץ און זייערע הענד און פיס זיינען געווען געבונדען מיט שטארקע שטריק. זיי זיינען געווען אזוי איבערראשט, אז זיי האבען גאר ניט געקענט אנהייבען צו דענקען וואס עס האט פאסירט מיט זיי.

צו ביסלעכווייס זיינען זיי געקומען צו זיך. פיל עוואנס האט אנגעהויבען צו רייסען זיינע הענד און עס איז איהם געלונגען מיט פיעל מיה ארויסצורייסען איין האנד פון דיא שטריק, מיט וועלכע ער איז געווען געבונדען. קוים האט ער בע־פרייט זיינע הענד, האט ער אראפגעריסען דאס טאשענטוך פון זיינע הענד, האט ער אראפגעריסען דאס טאשענטוך פון זיינע אויגען און האט ארויסגענומען דעם שפרייז־האלץ, דאן האט ער ארויסגענומען זיין מעסער און האט איבערגעשניטען דיא שטריק, מיט וועלכע זיי זיינען געווען געבונדען.

ערשט יעצט האט ער דערזעהן, אז ער געפינט זיך אין א האלב פינסטערן צימער.—דאס צימער האט געהאט נור א קליין קיילעכדיגעס פענסטערל אין דאך, דורך דיעזעס פענסטערל איז אריינגעקומען א שוואכעס ליכט, אבער ער האט אזוי פיעל געקענט זעהן, אז לעבען איהם ליגט אויף דעם באדען אנקעל פרודענט.

פיל עוואנס האט האסטיג איבערגעשניטען דיא שטריק, מיט וועלכע אנקעל פרודענט׳ס הענד און פיס זיינען געווען געבונדען און האט ביי איהם אראפגעריסען

דאס באַנד פון דיא אויגען. אַנקעל פּרודענט האָט ארויסגענומען דאס שפּרייז־האָלץ פון זיין מויל האָט זיך ארומגעקוקט און האָט זיך ארומגעטאַפּט גלייך וויא ער האט געוואָלט זיך איבערצייגען אויב ער לעבט נאָך.

— איך דאנק אייך, פיל עוואַנס! האט ער געזאגט.

— ניטאָ פאר וואָס, אַנקעל פּרודענט! האָט דער סעקרעטער געענטפערט.

— זאָל איך בעפרייען אייער נעגער?

— נאָך ניט, ער וועט מאַכען א געוואלד און דאס דארפען מיר יעצט ניט.

אַנקעל פּרודענט האָט געהאט ביי זיך א גרויסע סומע געלד. ער האָט א טאַפּ געטאָהן זיין קעשענע, דאס געלד איז דאָרט געוועזן. ער האָט זיך א כאַפּ גע־טאָהן צו זיין גאָלדענע אוהר, זיא איז געוועזן אויף איהר אָרט. פיל עוואַנס האָט זיך אויך בעזוכט און האָט געפונען אַלע זיינע זאַכען.

— מיר זיינען געפאַנגען ניט ביי רויבער האָט אַנקעל פּרודענט געזאגט, מען האָט אונז ניט בערויבט, מען האָט ביי אונז קיין זאַך ניט גענומען. ווער אַלזאָ האָט עס אונז געפאַנגען?

— איהר פרעגט עס נאָך? האָט פיל עוואַנס געזאָגט,—דאס האט געטאָהן דער פרעמדער, ראָבור.

— אָבער צו וואס האט ער עס געטאהן?

— איך ווייס עס ניט.

איינינע אויגענבליק האָבעןביידע געשוויגען. פּלוצלונג האט אַנקעל פּרודענט געזאגט:

— פיליפּ עוואַנס! יעצט דארפען מיר פערגעסען אַלעס אין דער וועלט, זאָ־גאר אונזערע דעבאַטען אין וועלדאָן קלוב און דענקען נור וויא אזוי ארויסצוקומען פון דאַנען און וויא אזוי זיך נוקם צו זיין אן דיעזען פערדאמטען ראבור מיט זיינע באַנדיטען.

— איהר האט רעכט, אנקעל פּרודענט, דיא ערשטע פראגע איז, וואו געפי־נען מיר זיך יעצט? מען האט אונז געפאַנגען אין פעיר מאַינט פּארק, אַלזאָ געפי־נען מיר זיך אין פּארק. עס איז דייטליך, אז מיר געפינען זיך אין א וואַגאָן אדער אין א גרויסען קאסטען און אזוי וויא מיר פיהלען ניט אז דיעזער וואגאן פאהרט, אז ער בעוועגט זיך, געפינען מיר זיך געוויס נאָך אין פּארק. דאָן מוזען מיר זעהן צו אנטלויפען און צו ארעסטירען דיעזען ראבור. דיא געזעצע פון אמעריקא בע־שטראפען זעהר שטרענג פאר בערויבען דיא פרייהייט פון א מענשען. ראבור קען דעו פאר בעקומען צוואַנציג יאהר געפענגניס.

— ווער איז דיזער ראבור? האט אנקעל פרודענט געפרעגט, איז ער א דייטש, א פראנצויז, א רוסע, און ענגלענדער?

— ער איז א טויגעניכטס, האט פיל עוואנס געענטפערט קורץ, לאמיר זיך נעהמען צו דער ארבייט!

זיי האבען אנגעהויבען צו בעטראכטען דיא ווענט פון זייער קעמערל, פיליכט וועלען זיי געפינען א שפאלט, וואו זיי וועלען קענען אנהייבען צו ארבייטען מיט זייערע מעסערס און אויסשניידען א לאך, דורך וועלכע זיי זאלען קענען אנטלויפען. זיי האבען געזוכט און געטאפט און האבען גאר ניט געפונען. דיא ווענט זיינען געווען גלאט וויא שפיגעל און הארט וויא א שטאהל.

— פאר וואס ציטערן אזוי דיזע ווענד? האט פיל עוואנס געפרעגט.

— פיליכט האט זיך אויפגעהויבען א שטארקער ווינד, האט אנקעל פרודענט געענטפערט.

— אבער וואס זאל דאס הייסען? וויא קומט עס וואס מיין מעסער נעהמט ניט דיא ווענט פון דיזען צימער? זיינען זיי פון אייזען? זאלען מיר זיך געפינען אין אן אייזערנעם קאסטען?

— ניין! עס איז קיין אייזען, האט אנקעל פרודענט געענטפערט, איך האב געקלאפט מיט מיין מעסער און האב ניט געהערט דעם קלאנג וועלכען אייזען גיט ארויס. ווען מען קלאפט דארויף מיט אנאנדער אייזען.

— אלזא וואס קען עס זיין? האט פיל עוואנס אויסגערופען.

מיט דיזע ווערטער האט ער זיך אנגעשפארט מיט זיין גאנצער קראפט אן דער טהיר און האט געוואלט זיא אויסברעכען.—אלעס אומזיסט! דיא טהיר האט אגאר ניט א ציטער געטאהן. אנקעל פרודענט האט א קלאפ געטאהן מיט'ן פוס אין באדען, עס האט געקלונגען הייל, גלייך וויא עס וואלט ניט געשטאנען אויף דער ערד.

אין דיזער מינוט האט דער נעגער אנגעהויבען זיך צו ווארפען גלייך וויא ער וואלט בעקומען קאנוואלסיאנען.

— מען מוז איהם אויפבינדען, האט אנקעל פרודענט געזאגט.

אין א פאר מינוט איז בראון געזעסען אויף'ן באדען און האט זיך ארומגעקוקט מיט טויט שרעק.

— וואס וויל מען פון מיר? האט ער געיאמערט,—וויל מען מיר אויפעסען?

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען זיך ניט אומגעקוקט אויף איהם, זיי האבען בעטראכט דאס קעמערל און האבען געזוכט א מיטעל צו אנטלויפען. זיי

האבען דערזעהן דאָס קיילעכדיגע פענסטערל אין דאַך און אָנקעל פּרודענט האָט געזאָגט:

— לאָמיר זעהן, אויב מען קען ניט ארויסקריכען דורך דיזעס פענסטערל.

אין קעמערל איז אָבער געווען קיין שטוהל, קיין טיש, קיין באַנק און קיין לייטערל, אויף וועלכען זיך צו שטעלען און צו צוקומען צום פענסטער, וועלכעס איז געווען צו הויך פאר א געוועהנליכען מענשען.

— קום אהער, בראָון, האט אנקעל פרודענט געזאגט צו זיין נעגער,—שטעל זיך אויף אלע פיער און לאז פיל עוואנס ארויפקריכען אויף דיר.

בראון האט אזוי געטאָהן און פיל עוואנס האט זיך געשטעלט אויף איהם וויא אויף א בלאנק און האט דערגרייכט דאס פענסטער.

— עס איז פערמאכט, האט ער געזאגט.

— ברעך עס אויס!

— איך קען ניט.

— פון וואס איז דען דיעזעס פענסטערל?

— פון גלאָז.

— און איהר, פיל עוואנס, קענט עס ניט צוברעכען?

— ווייסט איהר דען ניט, אָנקעל פרודענט, אז דער געלערנטער סיעמענס האט אויסגעפונען א סארט גלאָז וועלכעס מען קען ניט צוברעכען?

— אבער קענט איהר עפּעס זעהן דורך דאס פענסטער?

— יא.

— און וואס זעהט איהר?

— גאָר נישט.

— ניט א בוים? ניט א הויז?

— איך זאג אייך נאָך א מאָל אז איך זעה גאר נישט.

— אין דיעזע מינוט האט זיך דיא טהיר געעפענט און א מאן איז אריינגעקומען אין צימער. דיא געפאנגענע האָבען איהם באלד דערקענט, — עס איז געווען ראָבור.

— מיינע הערען, איהר זייט יעצט פריי, האט ער געזאגט מיט זיין העלער, ערנסטער שטימע.

— פריי? האט אָנקעל פרודענט אויסגערופען.

— יא, מיינע הערען, איהר זייט פריי און מעגט ארומגעהן און ארומשפּאַצירען אויף מיין מאשין וועלכע הייסט „אלבאטראָס.“

6טעס קאפיטעל.

דיא פליה מאשין.

ראבור האט ארויסגעפיהרט זיינע געסט אויף א קליינע פלאטפארם, וועלכע האט אויסגעוויזען, וויא דאס דעק פון א שיף.

איינינע מינוט זיינען אנקעל פרודענט און פיל עוואנס געשטאנען וויא פער־שטיינערט. זיי האבען געזעהן אז זיי געפינען זיך אין דער לופט, דריי ביז פיר טוי־זענד פוס הויך פון דער ערד.

— דאס איז מיין פליה מאשין, האט ראבור געזאגט, זיא איז נייצינ פוס דיא לענג און דריי און צוואנציג פוס דיא ברייט. זיא איז איינגעטהיילט אין דרייא טהיילען: דיא פלאטפארם אדער דאס דעק וואו מיר שטעהען יעצט, דיא מאשינען אבטהיילונג וואו עס געפינען זיך אלע מאשינען און דיא קיך, שלאף צימער און מאגאזינען פאר פראוויזיאן און אינסטרומענטען.—מיין פליה מאשין האט פליגעל, וויא א ווינט מיהל, אבער ניט אזעלכע לאנגע, וויא ביי א ווינט מיהל, זאנדער[ן] קורצע. צוויי און דרייסיג אזעלכע פליגעל, זעבצעהן פון יעדער זייט, דרעהען זיך מיט אן אונגעוועהנליכע שנעליגקייט. זיי ווערען געטריבען דורך עלעקטריציטעט. פון פארענט און פון הינטען געפינען זיך צוויי גרויסע שרויבען וויא ביי א דאמפף שיף.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען ערשט יעצט דערזעהן, וויא דיא פליעגעל דרעהען זיך און פאבען וויא דיא פליגעל פון א פויגעל.

— איך וויל אייך נאך יעצט ניט אויסזאגען אלע געהיימניסע פון מיין „אל־באטראס,‟ האט ראבור ווייטער געזאגט, איך האב אייך אבזיכטליך געפאנגען אום אייך צו איבערצייגען אז דיא גאנצע טהעאריע, דער הויפט פרינציפ פון א לופט באלאן איז פאלש. ווען מיר ווילען פליהען אין דער לופט, מוזען מיר האבען א מא־שין, וועלכע איז שווערער פון דער לופט, וועלכע איז אים שטאנד זיך צו שטעלען נעגען ווינד אדער וועניגסטענס אויסצו־יצען דיא קראפט פון׳ם ווינד. מיין מאשין איז שווערער פון דער לופט.

— אבער דאס איז דאך אונמעגליך! האט פיל עוואנס אויסגערופען.

— אזוי האבען געמיינט אלע ליעבהאבער פון א לופט באלאן, האט ראבור געענטפערט, דאס איז אבער א טעות. אמאל האט מען ווירקליך אזוי געלערנט און אזוי געגלויבט. האלץ איז לייכטער פון וואסער, דערפאר שווימט א שיף, און וואס

לייכטער דאס האָלץ, פון וועלכען א שיף איז געמאכט, אלץ בעסער וועט עס שווימען אויפ'ן וואסער. דערפאר פלעגט מען אין דיא אלטע צייטען בויען שיפען פון דעם לייכטעסטען האלץ און דערפאר פלעגען אמאָל אזוי אָפט אונטערגען שיפען: מיר האבען ניט געקענט אויסהאַלטען דעם ווינט. ערשט שפעט, ערשט גאָר ניט לאנג האט מען אנגעהויבען צו בויען שיפען פון אייזען, וועלכעס איז פיער שווערער פון וואסער.—פאר וואס איז שוין פון אייזען זיכערער אלס א שיף פון האָלץ ?—ווייל עס איז שווערע פון וואסער. — אבער וויא קען שווימען א שיף פון אייזען, ווען עס איז שווערער פון וואסער ?—ווייל עס איז אזוי געבויט, אז עס פערנעהמט אין וואַסער אזא פּלאַץ, אזוי פיעל אָרט, אז עס פערדרענגט, עס „דעפּלאסירט,“ עס טרייבט אוועק מעהר וואסער, וויא פיעל עס וועגט. מיין פליה מאשין איז געבויט נאָך דיא זעלבע רעגעלן, וויא א שיף פון אייזען.

— אלזאָ איז אייער „אלבאטראָס“ געבויט פון אייזען? האט אנקעל פּרודענט געפרעגט.

— ניין! האט ראָבור געענטפערט, מיין מאשין איז געבויט פון פּאפּיער.

— איהר לאכט פון אונז, ווייל איהר ווייסט, אז מיר זיינען ביי אייך אין דיא הענד, האט זיך פיל עוואנס געקאָכט.

— איך לאך גאָר ניט, האט ראָבור געענטפערט, איך שפּאס קיין מאָל ניט, איך בין אן ערפינדער, מיין קאָפּ, מיין גייסטיגע מאשין, ארבייטעט בעשטענדיג און האט קיין צייט צו שפּאסען. איהר ווייסט פיללייכט נאָך ניט, אז פון פּאפּיר קען מען אלעס מאכען, אז אין אייניגע ערטער מאכט מען שוין פון פּאפּיר רעדער צו אייזענבאהן וואגאָנס, אז מיט דער צייט וועט מען מאכען שיענען פאר דיא אייזענבאַנען נור פון פּאפּיער. אלעס אין מיין מאשין איז געמאכט פון פּאפּיער, פון פער הארטעוועטעס פּאפּיר. וויא אזוי איך מאך עס, וויל איך אייך יעצט נאָך ניט זאָגען.

— און איהר אליין טרייבט דיא גאנצע מאשין? האָט אָנקעל פּרודענט גע־פרעגט.

— דאס איז אונמעגליך, האָט ראָבור געענטפערט, איך בין דער קאפּיטאַן פון „אלבאטראָס,“ איך האָב נאָך א הויפּט אינזשיניר, פיער מאטראָזען, איך מיין מאשיניסטען, און א קאָך, א מאן, וועלכער בעזאָרגט אונז דיא קיך. ער קאכט און באקט פאר אונז און בעדיענט אונז ביים עסען. זייט זיכער, איהר וועט ביי מיר ניט ליידען הונגער.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען זיך אנגעבויגען און האבען א קוק געטאהן וואס עס טהוט זיך אונטען אויף דער ערד.

זיי האבען געזעהן בערג, וועלכע האבען אויסגעוויזען וויא סליינע הייפעלעך זאמד. דיא זון איז שוין לאנג געווען אויפגעגאנגען און האט געשיינט העל און וואַרעם. זיי האבען געזעהן לאנגע, דינע, זילבערנע, גלענצענדע פעדים און זיי האבען דערקענט אז דאס זיינען טייכען. וועלדער האבען זיך אויסגעוויזען וויא גרינע פלעקען.

— וואו זיינען מיר יעצט? האט אנקעל פרודענט געפרעגט.

— אויף דיעזע פראגע קענט איהר יעצט קיין אנטווארט בעקומען, האט ראַבור געזאגט.

— און וואוהין פאהרען מיר דען? האט פיל עוואנס געפרעגט.

— אין דער לופט.

— וויא לאנג וועט עס דויערן?

— ביז איך וועל פערטיג ווערען מיט מיין אויפגאבע, האט ראבור געענטפערט.

— ווילט איהר פיעלייכט מאכען א רייזע ארום דיא וועלט?

— נאך ווייטער.

— וואס קען שוין זיין ווייטער?

— איהר וועט עס זעהן.

— איך וויל אבער ניט פאהרען אזוי ווייט! האט אנקעל פרודענט אויסגערופען—איך וויל גאר ניט מאכען אזא ווילדע רייזע!

— לאז זיך אייך אויסווייזען, אז איהר פאהרט אויף אייער לופט באלאן, האט ראבור געענטפערט, אויף מיין מאשין זייט איהר פיעל זיכערער וויא אויף אייער לופט באלאן.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועקגעגאנגען אין דער אנדערער זייט פון זיין לופט שיף און האט עפעס געזאגט אין א רעהר. אנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען געבליבען אליין.

— מיר דאכט, אז מיר פאהרען יעצט איבער קאנאדא, האט פיל עוואנס געזאגט,—זעהט, אט איז א שטאדט, מיר דאכט אז דאס איז מאנטרעאל. דארט זעה איך וואסער, דאס דארף זיין לייק ערי, ווייטער זעה איך א טייך, דאס איז געווים דער סענט לויורענס.

— אין דיעזער מינוט איז ראבור צוריקגעקומען צו זיי און האט געזאגט:

— מיינע הערען, איך וויל אייך פערשאפען דאס פערגניגען פון א לופט־רייזע, אָבער ווען מען מאכט א רייזע אין דער לופט, דארף מען אויך עסען, מען קען ניט לעבען פון דער לופט. ביטע, מיינע הערען, דער פריהשטיק איז פערטיג.

וויא בייז זיי זיינען געוועזן אויף ראבור, האבען זיי דאך געמוזט געהן מיט איהם. זיי זיינען געוועזן הונגעריג און ווען מען איז הונגעריג און מען רופט עסען, קען מען ניט בייז זיין.

ראבור האט זיי ארייגעפיהרט אין א שעהנעם צימער, וואו עס איז געשטאנען א געדעקטער טיש מיט דיא בעסטע עסענס, וועלכע מען קען ניט קריעגען אין קאנטענענטאל האטעל אין פילאדעלפיא. ער האט זיי איינגעלאדען צום עסען און זיי האבען געגעסען מיט דעם בעסטען אפעטיט.

נאכ'ן עסען איז ראבור אוועקגעגאנגען אין מאשינען אבטהיילונג און זיינע ניי געסט זיינען ווידער ארויסגעגאנגען אויף'ן דעק זעהן וואו זיי געפינען זיך ערגעץ אין דער וועלט. אין א ווינקעלע צונויפגעדרעהט אין דרייען איז געזעסען דער נעגער בראון און האט געציטערט. קוים האט ער דערזעהן זיין הערר, האט ער אויסגעשטרעקטביידע הענד און האט אנגעהויבען צו וויינען.

— רעטעט מיך, מיין הערר! איך האב מ רא איך זאל ניט אראבפאלען. מיר פליעהען דאך אין דער הויך.

אָנקעל פרודענט האט געוואלט בערוהיגען זיין איבערגעשראקענעם נעגער, אין דיעזער מינוט אָבער האט זיך דער „אלבאטראס“ אויסגעדרעהט אין אנאנדער זייט, ער איז צוריקגעפאהרען קיין אמעריקא. אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען גאנץ דייטליך געזעהן דעם וועלטבעריהמטען ניאגארא וואסערפאלל, זיי האבען זאגאר געזעהן וויא אן אייזענבאהן צוג איז געפאהרען איבער דער הענג־בריק איבער דעם טייך ניאגארא.

— מיר פאהרען צוריק, האט אנקעל פרודענט געזאגט, עס קען זיין, אז ראבור פיהרט אונז צוריק קיין פילאדעלפיא, דאן האט ער זיך נור געמאכט א שפאס מיט אונז און איך דענק, אז מיר זאָלען איהם פערצייהען און זאָלען פערגעסען דיא גאנצע געשיכטע.

— אָה, ניין! האָט פיל עוואנס אויסגערופען,—מיר זאָלען איהם פערצייהען, וואָס ער האָט אונז געכאפט ביי נאכט וויא א רויבער און האָט אונז א גאנצען טאג ארומגעשלעפט אויף זיין מאשין?—אויף קיין פאל! קוים וועלען מיר אנקומען קיין פילאדעלפיא, וועל איך איהם ארעסטירען און ער וועט שוין בעקומען צוואנציג

יאָהר נעפּעננניט דערפאר וואס ער האט בערויבט דיא פרייהייט פון דריי אמערי־קאנער בירגער·

קוים האט ער ארויסגעזאגט דיעזע ווערטער· האָבען אלע צוויא אין דרייסיג פליענעל פון „אלבאטראָס“ אָנגעהויבען צו קלאפּען, דיא שרויבען האָבען אָנגעהויבען צו רווישען, דיא גאנצע מאשין האָט אָנגעהויבען צו ציטערן און צו פליהען אין דער הויך מיט אזא שנעלינקייט, אז עס האָט פערכאפּט דעם אָטהעם פון די מיט־גלידער פון ווערדאָן קלוב·

עס איז בעקאנט אז וואס העכער, אלץ שיטערער איז דיא לופט און אלץ שווערער ווערט עס צו אטהמען. רייזענדע וועלכע זיינען ארויפגעקלעטערט אויף גאנץ הויכע בערג, האָבען דאָרט ניט געקענט אויסהאלטען מעהר וויא עטליכע מי־נוט· מען ווערט דערשטיקט, מען קען ניט אטהעמען, ווייל מען האט ניט גענוג לופט צו אטהעמען·

ראָבור האָט געוואָלט ווייזען זיינע געסט וויא שנעל זיין מאשין קען פליהען אין דער הויך, און דער „אלבאטראָס“ איז ארויפגעפלויגען א הויך פון צוואנציג טויזענד פוס. דיא קעלט איז געוואָרען שרעקליך· זאָגאר דער שטארקער פיל עוואנס האט אנגעהויבען צו ציטערן און עס האט איהם געקלאפּט א צאהן אן א צאהן. דער נעגער האט אָנגעהויבען צו טאנצען אום זיך א ביסעל צו דערווארעמען און האט געבעטען, מען זאל איהם ארָאפּלאָזען, עס שווינדעלט איהם פאר דיא אויגען, ער קען ניט פאָהרען אזוי הויך·

אָנקעל פרודענט האט שוין געוואָלט געהן זוכען ראָבור און איהם בעטען, ער זאָל אביסעל אראָפּלאָזען דעם „אלבאטראָס“ אין דיעזע מינוט איז ראָבורט אדוים־געקומען פון א קאיוטע·

— איך האב אבזיכטליך געלאָזען פליעהען מיין מאשין אזוי הויך אום אייך צו צייגען, אז מען קען זיא זעהר לייכט רעגיערען און זיא פיהרען אין אלע זייטען, האט ער געזאגט צו זיינע געסט.—מיר זיינען יעצט געוועזן אויף א הויך פון צוואנציג טויזענד פוס איבער דער ערד, דאס איז אבער צופיעל, אין אזא הויך איז שווער צו אטהעמען, מיר פליעהען יעצט דורך, אין אייניגע מינוט וועלען מיר זיין נור פיער טויזענד פוס איבער דער ערד, עס וועט ווידער ווערען ווארם און מיר וועלען אט־העמען פרייער.—זייט איהר שוין יעצט איבערצייגט, אז פליעהען אין דער לופט קען מען נור מיט א פליה מאשין?

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען איהם ניט געענטפערט, זיי זיינען

געוועזן בייז, פאר וואס ער האט זיך ערלויבט אזא שפאס. ראבור האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג, וואס זיי זיינען בייז און האט ווייטער געזאגט:

— פיעלייכט ווילט איהר וויסען, וויא פיעל מאל אין א שטונדע מיין „אלבאטראס" פליעהט, וועל איך אייך זאגען. דאס שנעלסטע דאמפף שיף געהט נור 22 קנאטען אדער 25 מייל א שטונדע. אן עקסטרא צוג אין ענגלאנד און פראנקרייך לויפט 60 מייל א שטונדע, דער „אלבאטראס" פליעהט 125 מייל אין א שטונדע אדער 183 פוס אין א סעקונדע, נור צוויי פייגעל אין דער וועלט פליעהען שנעלער פון איהם; דיא שוואלב פליעהט 209 פוס אין א סעקונדע און דער שנעל פויגעל פליעהט 270 פוס אין א סעקונדע. א בריעף טויב פליעהט שנעלסטענס נור 180 פוס אין א סעקונדע.

— הערר ראבור, מיר פרעגען אייך ניט, וויא שנעל דיא פויגעל פליעהען און וויא שנעל אייער מאשין פליעהט, האט אנקעל פרודענט געזאגט פינסטער, מיר פרעגען אייך, וואס פאר א רעכט האט איהר געהאט אונז צו פאנגען אין פילאדעלפיא? וואס פאר א רעכט האט איהר אונז צוא פיהרען אויף אייער מאשין געגען אונזער ווילען?

— וואס פאר א רעכט האט איהר געהאט מיך צו בעליידיגען, ווען איך האב ערקלערט א וויסענשאפטליכע וואהרהייט, מיט וועלכע איהר האט ניט איינגעשטימט? האט דען ניט יעדער מענש דאס רעכט צו זאגען זיין מיינונג?

— הערר ראבור! האט פיל עוואנס אויסגערופען, — נור אן אונוויסענדער מענש אנטווארטעט מיט א פראגע, ווען מען שטעלט איהם א פראגע. א געבילדעטער מענש גיט אן אנטווארט אויף א פראגע. מיר פרעגען אייך: מיט וואס פאר א רעכט האלט איהר אונז געפאנגען אין פילאדעלפיא? מיט וואס פאר א רעכט האלט איהר אונז געפאנגען אויף אייער מאשין?

— מיט דעם רעכט פון דעם שטארקען, האט ראבור געענטפערט רוהיג, — דער שטארקערער האט שטענדיג רעכט.

— איהר זייט אונפערשעהמט! האט פיל עוואנס געזאגט בייז.

— עס קען זיין, אבער איך זאג דיא וואהרהייט, האט ראבור געענטפערט.

7טעס קאפיטעל.

איבער דיא פעראייניגטע שטאאטען.

דער טאָג איז פאריבער, דיא זון איז אונטער געגאנגען און עס איז געוואָרען נאכט. ראָבור האט אריינגעפיהרט זיינע געסט און צוויי קליינע, אבער פיינע ריינע צימערלעך, וואו זיי האבען געפונען א ווייכעס בעט, ריינעס אונטער וועש און א וואַש כטענד מיט אלע זאכען, וועלכע זיינען נעטהיג פאר א געבילדעטען מענשען, ווען ער שטעהט אויף פון שלאָף.

אַנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען אבער זעהר שלעכט געשלאפען דייזע נאכט. ערשטענס, האט יעדער פון זיי געטראַכט, וויא אזוי זיך צו בעפרייען פון דיי־זען געפענגנים. צוווייטענס, האט פון צייט צו צייט אנגעהויבען צו פייפען און צו שפיעלען א טראָמפעט אָדער א פלייט. דאס איז געווען דיא זאָנדערבארע מוזיק, וועלכע מען האט געהערט אין אלע גרויסע שטעדט פון אייראָפּא און אזיען.

דאגעגען איז דער געגער בראון זעהר גוט געשלאפען. איהם האט מען אָפּגע־געבען א פלאַץ לעבען דער קיך, וואו עס איז איהם געווען אזוי ווארם, וויא ער האט אליין געוואלט.

דען 97טען יוני גאנץ פריה זיינען אַנקעל פרודענט און פיל עוואנס ארויסגע־קומען אויפ'ן דעק, דיא זון האט געלייכטעט העל און ווארם און עס איז געווען א פערגניגען צו שטעהן אין דער הויך און אראפּ צו קוקען אויף דער ערד, אויף דיא ליעבע שעהנע וועלט.

— וואס איז דאס ? — וואסער ? האט פיל עוואנס אויסגערופען,—זעהט נור, אנקעל פרודענט, מיר דאכט, אז דאס איז לייק מישיגען, איינער פון דיא גרעסטע זעען (אָזיערא'ס) אין דער וועלט.

אנקעל פרודענט האט זיך צו געקוקט און האט געענטפערט:

— ריכטיג, פיל עוואנס! דאס איז דער לייק מישיגען און אָט דארט, רעכטס איז שיקאגא, דיא צווייטע גרעסטע שטאדט אין אמעריקא.— זעהט! אָט איז דאס אוידיטאריום! און אט איז דאס שעהרמאן הויז!

דאס איז ווירקליך געווען שיקאגא, דיא קעניגין פון דער וועסט, דיא צווייטע גרעסטע שטאדט אין אמעריקא נאך ניו יאָרק. זיעבעצעהן אייזענבאהנען קומען זיך צו נויף אין דיעזער שטאדט און הונדערטער שיפען ברענגען אהין דיא פּראָדוקטען פון קענעדע און פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

אַנקעל פּרודענט איז געווען גוט בעקאַנט מיט שיקאַגא און ער האט געוויזען פיל עוואַנס אַלע בעריהמטע געביידען פון שיקאַגאָ.

— אבער ווען דאס איז שיקאַגא, טא וואוהין פאהרען מיר? האט פיל עוואַנס געפרעגט.

אנקעל פּרודענט האט איהם ניט געענטפערט, זיינע אויגען האבען געזוכט ראָבור'ן, אבער זיי האבען איהם אין ערגעץ ניט געפונען. ראָבור איז ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען.

דער „אַלבאַטראָס" איז געפלויגען זעהר לאנגזאם, גלייך וויא ער האט געוואלט געבען זיינע געסט די גלעגענהייט צו בעטראַכטען דעם שטאַאט אילינאָיז. פון דער פרישער ריינער אונגעזונדער לופט, וועלכע זיי האבען איינגעאטהעמט, זיינען זיי הונגעריג געווארען און זיינען אריינגעגאנגען אין עסס צימער. דער טיש איז געווען געדעקט און דאס עסען איז געשטאַנען אויפ'ן טיש, אבער ראָבור איז ניט געווען אין צימער. אנקעל פּרודענט און פיל עוואַנס האבען היינט געמוזט עסען אליין.

נאָך'ן עסען זיינען זיי ווידער ארויסגעגאַנגען אויפ'ן דעק און האָבען דערזעהן פאר זיך איינעם פון די גרעסטע טייכען אין דער וועלט אין דעם גרעסטען טייך פון נאָרד אַמעריקאַ—דעם מיסיסיפּי, דעם „פאָטער פון די וואסערן," דאס איז די בעדייטונג פון דעם אינדיאַנישען וואָרט מיססיסיפּי.

דער „אַלבאַטראָס" איז געפלויגען אזוי ניעדעריג אַז אַנקעל פּרודענט האט דערקענט די שטאָדט אייאָווא, די גרעסטע שטאָדט פון דעם שטאַאט אייאָווא. געגען 2 אוהר נאָך מיטאג זייַען זיי אָנגעקומען אין אָמעהאָ, נעבראסקא, וואו עס קומען זיך צונויף אלע אייזענבאהן ליניען פון ניו יארק און סאן פראנציסקאָ. אַנקעל פּרודענט און פיל עוואַנס האָבען געקענט צעהלען די הילצערנע הייזער פון אָמעהאָ.

באַלד האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען הויכע בערג. דאס זיינען געווען די ראָקי מאַונטיינס, די שטיינערנע בערג, וועלכע ציעהען זיך וויא א לאנגע קייט איבער גאנץ אמעריקא פון בריטיש קאָלומביא אין נאָרדען ביז דער רעפּובליק טשילי אין זידען.

— וויל ער אונז ווירקליך ארומשלעפּען מיט זיך ארום דער וועלט? האט פּלוצלונג פיל עוואַנס אויסגערופען.

— ער וועט עס ניט טאָהן! האָט אַנקעל פּרודענט געענטפערט, ער טאָר עס ניט טאָהן! איך האב פיינט שפּאַס.

— איך האב אויך פיינט מען זאל מיט מיר שפאסען, אבער.......?

א גאנצען טאג האבען זיי ניט געזעהן ראָבורן. זיי האָבען געגעסען, געטרונ־קען, ארומגעשפאציערט אויפ'ן דעק אבער קיינעם ניט געזעהן אויסער דעם הויפט אינזשיניר דשאָרדש קערנס, וועלכער איז זיך געזעסען אין זיין גלעזערנע קאיוטע און האָט רעגיערט דעם „אלבאטראס." געגען אבענד האָבען אונזערע רייזענדע געגען זייער ווילען עס שוין ניט געקענט אויסהאלטען. זיי זיינען צוגעגאנגען צו דשארדש קערנס און האבען איהם געפרעגט:

— קענען מיר זעהן קאפיטאן ראָבור?

— איך ווייס ניט, האט קערנס געענטפערט.

— איז ער ערגעץ אוועקגעגאנגען?

— עס קען זיין.

— ווען וועט ער צוריק קומען?

— ווען ער וועט וועלען.

אונזערע רייזענדע געגען זייער ווילען האבען געמוזט עסען אליין און באלד זיך לייגען שלאפען.

דעם אנדערן טאָג, ווען זייא זיינען ארויסגעגאנגען אויפ'ן דעק, האט זיך זייא פאָרגעשטעלט א זאָנדערבארעס בילד. זיי האבען דערזעהן דעם יעלאו סטאון פארק איינס פון דיא גרעסטע וואונדער פון אמעריקא.

דער יעללאָו סטאָון פארק Yellow Stone Park איז 56 מייל דיא לענג און 55 מייל דיא ברייט. ער ליעגט אין דיא שטאאטען וויאמינג, איידאהא און מאָנטאנא Wyoming, Idaho and Montana ער געהערט צו קיינעם ניט, וויל ער געהערט צום גאנצען פאָלק פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, ער איז א נאציאָנאל פארק. וויא יעדע שטאָדט האט א פארק, א גארטען, וועלכע געהערט צו דער שטאָדט, און קיין בירגער, קיין הערשער, האט דאס רעכט צו צו נעהמען פון איהם א שפאן ערד, אזוי געהערט. דער יעללאָו סטאון פארק צום גאנצען פאָלק, צו דער גאנצער נאציאָן און קיין בירגער, קיין הערשער, האט קיין רעכט צו צו נעהמען א שפאן ערד פון דיעזען זאָנדערבארען פארק, וואו עס געפינען זיך אלע נאטור וואונדער פון אמעריקא.

דיא ווילדע טהיערע, וועלכע געפינען זיך אין דיעזען נאציאָנאל פארק, שטעהן אונטערן שוץ פון אמעריקאנישען פאָלק און קיינער האט דאס רעכט זיי צו בעאונ־רוהיגען, מען רעדט שוין ניט פון זיי טייטען. דער יעללאָו סטאָון פארק איז וויא דיא חנוכה ליכט ביי אידען; יעדער מעג זיי זעהן, אבער קיינער טאר זיי ניט בענוצען.

אין יעללאָו סטאָון פּארק געפינען זיך ביאָנס דער אמעריקאנער בופעלאָקס, דער איינציגער אָרט אין גאנץ אמעריקא, וואו מען קען איהם זעהן אין ווילדען צושטאנד.

אין יעללאָו סטאָון פּארק געפינען זיך אָבער אויך פיעלע נאטור וואונדער, וויא דיא בעריהמטע נאטור שפּרינגברונען, נאטור פאָנטאנען, אָדער „גייזער“, וועלכע שפּריצען מיט וואסער אדער מיט שלאם (בלאָטע). איינינע פון זיי שפּריצען בעשטענדיג, אנדערע נור צו געוויסע צייטען. איינער פון דיעזע „גייזער“ הייסט דיא „ריעזין“. מען זעהט פּאר זיך א שרעקליך טיעפען ברונען, א לאָך אין דער ערד א פינסטערער גרוב, וועלכע איז, דאכט זיך, גאנץ לעדיג. איין מאָל אין יעדע 11—12 שטונדען קומט אָן גאָר פּלוצלונג פיעל וואסער און עס הייבט זיך אויף א זייל וואַסער פון 60 פוס דיא הויך, ניט ווייט פון דיעזען „גייזער“ געפינט זיך „דער ריעז“, א גייזער וועלכער ווארפט ארויס א זייל וואסער אויף 200 פוס דיא הויך. נאָך ווייטער זעהט מען דעם פּאָבער, וועהער, א „גייזער“, וועלכער ווארפט ארויס וואסער אין געשטאלט פון אדאמען פּאָבער, א „פען“. איינינע „גייזער“ שפּיעלען, ווארפען ארויס זיילען מיט וואסער, יעדע 10—15 מינוט, אנדערע שפּיעלען איין מאל אין 30 יאָהר.

אויסער דעם געפינען זיך אין יעללאָו סטאָון פּארק הייסע „גייזער“ און הייסע קוועלען. דאס וואסער אין דיעזע קוועלען איז אזוי הייס, אז מען קען אין זיי אָפּקאָכען א שטיק פלייש אין עטליכע מינוט. איבער דיעזע „גייזער“ און קוועלען געפינט זיך שטענדיג, זומער און ווינטער א זייל רויך,—דאמפּף.

אנקעל פּרודענט איז אמאָל געוועזען אין יעללאָו סטאָון פּארק און דארום האט ער יעצט אלעם דערקענט.

— אָט איז „דער ריעז“! האט ער געזאָגט צו פיל עוואנס, — אָט איז „דער טורבאן 1“ איינער פון דיא זאנדערבארסטע „גייזער“. ער ווארפט אין וואסער נור 20 פוס דיא הויך, אבער ווען דאס וואסער קומט אָן אויבען, ווערט פון איהם א טורבאַן, א קאָפּ בעדעקונג, וויא עס טראָגען דיא אראבער.

עס איז שווער צו זאגען, אויב קאפּיטאן ראָבור האט אבזיכטליך געפיהרט זיין „אלבאטראס“ איבער דעם יעללאָו סטאָון פּארק אום צו ווייזען זיינע געסט אלע וואונדער פון דיעזען וואונדער פּארק, אדער זיין מארשרוט, זיין וועג האט איהם געפיהרט איבער דיעזען פּארק, זיכער איז עס אבער, אז דער „אלבאטראס“ איז יעצט געפלויגען זעהר לאנגזאם און דיא רייזענדע געגען זייער ווילען האבען געקענט זעהן און בעטראכטען אלע וואונדער פון דיעזען וואונדערבארען פּארק.

פּלוצלונג אבער האבען דיא פליגעל פון „אלבאטראס“ אנגעהויבען זיך צו

דרעהן שנעלער, דיא שרויבען האבען אַנגעהויבען צו ארבייטען, דיא גאנצע מאשין האט אנגעהויבען צו ציטערן,—דער „אלבאטראס'' האט זיך אויפגעהויבען.

— וואס איז דאס? האט פיל עוואנס געפרעגט.

איידער אַנקעל פרודענט האט צייט געהאט איהם צוא ענטפערן, איז דער „אלבאטראס'' אריבער געפאָהרען א קייט פון בערג און האט אנגעהויבען זיך אראפצולאזען. אנקעל פרודענט האט געוואלט עפעס זאגען. קוים, אבער האט ער געעפענט דאס מויל, האט מען געהערט א הויכען, שטארקען, ראשען פייף פון א לאָקאָמאָטיוו און דער רויף פון קוימען האט דער גרייכט דיא פאסאזשירען אויפ'ן „אלבאטראס''. דיא גרויסע טראמפעטע האט אנגעהויבען צו שפּיעלען דאס בע־ריהמטע אמעריקאנישע פאלקס ליעד „יענקי דודל''.

עס איז געווען אן אייזענבאהן צוג פון סאן פראנסיסקא נאך לייק-סיטי, דיא הויפט שטאדט פון דעם שטאאט יוטא. דיא פאסאזשירען אין דיא וואגאנס האבען דערזעהן דיא פליה מאשין און האבען אנגעהויבען צו שרייען: הורראה! און צו גריסען מיט זייערע טאשענטיכער, דער „אלבאטראס'' האט זיך אראפגעלאָזען נאך ניעדריגער און איז געפלויגען גלייך מיט דעם אייזענבאהן צוג. א נייער גדאנק איז געקומען אנקעל פרודענט אין קאפ ער האט זיך אן געבויגען איבערן געלענדער און האט אנגעהויבען צו שרייען מיט דער גאנצער קראפט פון זיין שטימע:

— איך בין אנקעל פרודענט פון פילאדעלפיא!

— און איך בין פיליפּ עוואנס פון פילאדעלפיא! מען האלט אונז געפאנגען! האט פיל עוואנס נאכגעשריען.

דיא פאסאזשירען אין דיא וואַגאָנעס האבען זעהר גוט געהערט, וואס אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען זיי געזאגט, אבער זיי האבען געמיינט, אז זיי שפּא־סען און זיי האבען נאך אמאָל געשריען: הורראה!

באלד האט מען דערזעהן א גרויסען, קייכעבדיגען העללען קרייז, א ראד, אן עיגול, אין דער הויך, אין דער לופט.

— דאס איז דער דאָם, דער קופּאָל, דער קייכעבדיגער, גלעזערנער דאך פון דער גרעסטער קירכע אין סאלט—לייק—סיטי, וועלכע הייסט „טאבערנאקל'', אוהל מועד. דיעזער קייכעבדיגער דאך, קופּאָל, איז געמאכט פון גלאָז און איז אזוי געש־ליפען, אז ער שפּיגעלט אָפּ דיא שטראהלען פון דער זון אויף א גרויסע שטרעקע.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען יעצט געקענט זעהן גאנץ דייטליך דיא הייזער פון סאלט—לייק—סיטי, איינע פון דיא מערקווירדיגסטע שטעדט אין נארד אמעריקא. דאס האט אבער געדויערט ניט לאנג. דער „אלבאטראס'' האט

זיך ווידער אויפגעהויבען אין דער הויך און איז יעצט געפלויגען איבער דיא שטיי־נערנע בערג, דיא ראקי מאונטיינס.

— מיר דאכט, אז מיר וועלען באלד זיין אין סאן פראנסיסקא, האט אנקעל פרודענט געזאָגט צו זיך אליין.

א גאנצען טאג האבען זיי ניט געזעהן ראָבורן. פאר נאכט איז דער „אלבאט־ראס" אנגעקומען קיין סאקראמענטאָ, דיא הויפט שטאָדט פון קאליפאָרניען, ניט דיא גרעסטע שטאדט, וויל דיא גרעסטע שטאָדט אין קאליפאָרניען איז סאן פראנ־ציסקא, סאקראמענטאָ איז אָבער דיא הויפט שטאָדט, וויל דאָר וואוינט דער גו־בערנאטאר פון קאליפאָרניען.

אזוי וויא אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען בעטראכט דיא שטאדט סאקראמענטא, איז ראָבור גאָר פלוצלונג צוגעקומען צו זיי.

— מיסטער ראָבור, מיר געפינען זיך יעצט איבער סאקראמענטא, דער לעצ־טער פונקט אין וועסט אמעריקא, איך דענק, אז עס איז שוין געווג צו שפאסען מיט אונז, האט אנקעל פרודענט געזאגט ערנסט אין פינסטער.

— איך שפאס קיין מאל ניט, האט ראָבור געענטפערט רוהיג און איז ווידער פערשוואונדען געוואָרען.

איינינע מינוט זיינען דיא רייזענדע געגען זייער ווילען געשטאנען, וויא פער־שטיינערט, ענדליך איז אנקעל פרודענט געקומען צו זיך און האט געזאגט:

— איך וועל איהם דערווערגען, ווען ער וועט אונז ניט אפלאזען.

— געוויס! מיר מוזען זיך בעפרייען! האט פיל עוואנס געשריען,—מיר מוזען ווערען פון דיעזען געפענגניס, זאגאר ווען מיר וועלען מוזען בענעהן א מאָרד.

פלוצלונג האבען דיא פליגעל פון „אלבאטראָס" אנגעהויבען שטארק צוא רוישען און אין איינינע מינוט ארום האבען דיא רייזענדע געגען זייער ווילען דער־זעהן מיט שרעק און שטוינען, אז אונטער זיי געפינט זיך נור וואסער.

— דאס איז דאס שטילע וועלט מעער! האט אנקעל פרודענט אויסגערופען.

8טעם קאפיטעל.

פון סאן פראנציסקא נאך אינדיען.

עס איז נור וואס נאכט געוואָרען, ווען דער „אלבאטראס" איז ארויפגעקומען אויפ'ן שטילען וועלט מעער, פאסיפיק אָשין, דער גרויסער אוקיאָנוס. אנקעל פרוד־

דענט און פיל עוואנס האבען אפגעגעסען זייער נאכט עסען און האבען זיך באלד געלייגט שלאפען, ווייל עס איז געווען א פינסטערע נאכט און מען האט ניט גע־קענט זעהען, וואס עס טהוט זיך אויפ'ן מעער.

דעם אנדער טאג אין דער פריה זיינען זיי ארויסגעגאנגען אויפ'ן דעק זעהן, וואו זיי זיינען ערגעץ אין דער וועלט. דער „אלבאטראס" איז יעצט געפלויגען זעהר ניעדעריג, נור הונדערט און צעהן פוס איבער דעם וואסער, און אזוי לאנגזאם, אז מען האט געקענט זעהן אלעס, וואס עס טהוט זיך אין וועלט מעער. מען האט גע־קענט זעהן, וויא פיש שווימען, וויא זיי יאגען נאך איינער דעם אנדערן און וויא זיי חאפען איינער דעם אנדערן.

אזוי וויא אנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען געשטאנען און האבען בע־טראכט דאס מעער איז דער נעגער בראון ארויסגעקומען פון זיין קאיוטע און האט דערזעהן, אז זיי פליהען איבער'ן וואסער.

— דאס מעער! דאס מעער! האט ער אנגעהויבען צו שרייען, וויא א וואהנ־זיניגער,—מיר זיינען פערלארען! ווייל מיר שווימען אין וואסער!

ער האט אזוי געשריען, אזוי געיאמערט און אזוי געגוואלדעוועט, אז אנקעל פרודענט האט געמוזט איהם אריינשלעפען אין זיין קאיוטע און איהם דארט פער־שליעסען, ביז ער וועט זיך אביסעל בערוהיגען.

נאך מיטאג האט דער מאן, וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך, געגע־בען א סיגנאל אז אלע זאלען ארויסקומען אויפ'ן דעק. ראבור, דשארדש קערנס און דיא איבריגע זעקס מאטראזען, וויא אויך אנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען ארויסגעקומען זעהן וואס עס איז עפעס געשעהן.

דער מאן פון דער וואך האט זיי געוויזען, אז ניט ווייט, נור א פאר מייל פון זיי שפיעלען זיך עטליכע ווייסע וואלפיש. דער ווייסער וואלפיש איז איינער פון דיא גרעסטע און שטארקסטע וואלפיש אין מעער. מיט איין זעץ פון זיין שטארקען עק קען דער ווייסער וואלפיש איבערקעהרען דאס שטארקסטע באאט. דיא וואל־פיש יעגער ווייסען גאנץ גוט וויא געפעהרליך א ווייסער וואלפיש איז און זיי זיינען זעהר פארזיכטיג ווען זיי ווילען איהם פאנגען.

ראבור האט געוואלט וויזען זיינע געסט וואס מען קען טאהן פון זיין מאשין און ער האט געהייסען זיינע מענשען פאנגען איינעם פון דיא ווייסע וואלפיש. א וואלפיש האפט מען געוועהנליך מיט א הארפון, א שווערעס שטיק אייזען, וועלכעס איז אויבען קיילעכדיג וויא א קוגעל און אונטען ווערט זיא דינער און דינער ביז זיא ענדיגט זיך מיט א שפיץ, וועלכער איז שארף וויא א נאדעל. דיעזע הארפונע

איז צוגעבונדען צו א לאנגען שטריק. א שטארקער מאטראָז אָדער א שליידער־מאשין גיט זיא א וואַרף אויף'ן ברייטען רוקען פון וואלפיש. זיא קריעכט אריין אין זיין פעטען קערפּער און ווען זיא דערגרייכט זיין הערץ קרעפּירט ער, אָבער עס מאכט זיך זעהר זעלטען אז מען זאל טויטען א וואלפיש מיט איין הארפון, געוועהנ־ליך מוז מען געברויכען דרייא—פיער—פינף און זאָגאר מעהר הארפונען, איידער מען טויטעט אזא ריעז.

— פערטיג? האט ראבור געפרעגט.

— פערטיג! האט דשארדש געענטפערט.

דער „אלבאטראס" האט זיך פּלוצלונג אראפּגעלאזען ביז 25 פוס איבער'ן וואסער. ראבור איז ארויפגעגאנגען אויף דעם שטיבעלע וואו דער שטייערמאן שטעהט און האט בעטראכט דאס מעער. דיא וואלפיש האבען זיך געשפּיעלט און האבען פון צייט צו צייט ארויסגעלאזען פון זייערע איינציגע נאזלעכער זיילען וואַ־סער.

— ציעל אויף דעם יענעם רעכטס! האט ראבור קאמאנדירט.

דשארדש קערנס, דער הויפּט אינזשעניר, האט אויפגעשטעלט א סארט קא־נאנע און האט אויסגעשאסען א הארפון וועלכע איז געווען צוגעבונדען צו דער קא־נאנע מיט א זעהר לאנגער אייזערנער קייט.

— אויפמערקזאם! האט ראבור קאמאנדירט.

וויא אנקעל פּרודענט און פיל עוואנס זיינען געווען בייז אויף קאפּיטאן רא־בור, זיינען זיי דאך פעראינטערעסירט געווארען אין דיזען זאנדערבארען וואלפיש־פאנג. זיי האבען קיין מאל ניט געזעהען וויא מען כאפּט א וואלפיש, בעזאנדערס אבער וויא ראבור וועט כאפּען א וואלפיש.

דיא הארפונע האט געטראפען דעם וואלפיש אין רוקען און האט זיך איינ־געגראבען אין זיין פעטער פלייש. דער וואלפיש האט א ציטער געטאהן און האט אנגעהויבען צו שלאגען מיט זיין עק אזוי שטארק, אז דער גאנצער „אלבאטראס" איז בעדעקט געווארען מיט וואסער. פּלוצלונג האט ער זיך אראפּגעלאזען און איז פערשוואונדען געווארען אונטערן וואסער. דיא לאנגע קייט מיט וועלכע דיא האר־פונע איז געווען צוגעבונדען, האט זיך באלד אויסגעוויקעלט און דער וואלפיש האט אנגעהויבען צו שלעפען דעם „אלבאטראס" מיט אזא קראפט, אז מען וואלט גע־קענט מיינען, ער וועט איהם ארייִנשלעפען אין וואסער. דשארדש קערנס האט שוין גענומען א שווערע האק און האט געוואלט איבערהאקען דיא קייט, באלד אבער איז דער וואלפיש ווידער ארויפגעשוואומען: ער האט גענומען אטהעמען און ער איז

ארויפגעקומען. דיא הארפונע האט אונטערדעסען זיך איינגעגראבען טיעפער און טיעפער אין זיין קערפער און ער האט אנגעהויבען צו ווערען שוואכער. ארום איהם איז דאס מעער רויט געווארען פון זיין בלוט.

ראבור האט יעצט געגעבען א ווינק און דיא פליעגער פון „אלבאטראס" האבען אנגעהויבען צו ארביימען שטארקער. דער „אלבאטראס" האט זיך אויפגעהויבען און האט אנגעהויבען צו צוציהען צו זיך דעם וואלפיש. יעצט ערשט האבען אנקעל פרודענט און פיל עוואנס נעקענט זיך איבערציינען פון דער קראפט פון „אלבאטראס." דער ריעז פון מעער האט זיך געראנגעלט מיט דער ערפינדונג פון א מענשען. פלוצלונג איז דער וואלפיש ווידער פערשוואונדען געווארען אונטערן וואסער און האט מיטגעשלעפט דעם „אלבאטראס" מיט זיך. דאס דעק פון „אלבאטראס" איז שוין געשוואומען אין וואסער פון וועלט מעער. דאס האט אבער געדויערט נור איינינע אויגענבליקע. דשאדש קערנס האט איבערגעהאקט דיא קיים און דער „אלבאטראס" איז ווידער ארויפגעפלויגען אין דער הויך וויא א פויגעל, וועלכע רייסט זיך ארויס פון נעץ.

אייניגע מינוט שפעטער איז דער וואלפיש ווידער ארויפגעשוואומען, דאס מאל איז ער געווען טויט. ראביר האט געלאזען זיינע געסט בעטראכטען דיעזען ריעז, דיעזען לויתן, דיעזעס אונגעהייער, דאן האט ער געגעבען א צייכען און דער „אלבאטראס" האט אנגעהויבען צו פליהען מיט אן אונגעהייערע שנעלקייט.

דעם אנדערן טאג פאר נאכט האבען אנקעל פרודענט און פיל עוואנס דערזעהן לאנד און האבען אנגעהויבען צו טראכטען, וואס פאר א לאנד דאס איז. ראבור האט עס בעמערקט, איז צוגעגאנגען צו זיי און האט געזאגט גאנץ העפליך:

— מיר וועלען באלד זיין אין סיביר, מיינע העררען.

— און פון דארטען? האט אנקעל פרודענט געפרעגט.

— וועלען מיר בעזוכען יאפאן, האט ראבור געענטפערט.

— און פון דארטען?

— וועלען מיר בעזוכען כינא, האט ראבור געענטפערט גאנץ רוהיג.

אנקעל פרודענט האט שוין מעהר ניט געוואלט פרעגען. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז זיין פרעגען און ארגומענטירען וועלען איהם ווענינ העלפען.

איבער סיביר איז דער „אלבאטראס" געפלוינען זעהר שנעל, עס איז דארט ניט געווען פיעל אינטערעסאנטעס צו זעהן, ווען ער איז אבער געקומען צו דיא אינזלען, וועלכע בילדען דאס קייזערטהום יאפאן, האט ער אנגעהויבען צו פאהרען זעהר לאנגזאם.

דען 3טען יולי האבען אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס געזעהן, וויא דער „אלבאטראָס" איז אריינגעפאהרען אין א געדיכטען נעבעל, וועלכער איז געלעגען איבער דער גרויסער מיננעפאָן. דער נעבעל איז געווען געדיכט, וויא א רויך. עס איז שווער געווען צו אטהעמען. אזא נעבעל קומט א מאָל פאָר אין לאָנדאָן אין פריהלינג און הערבסט. אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען גערעכענט, אז דער אלבאטראָס וועט זיך יעצט אראָפלאָזען צו דער ערד און וועט בלייבען שטעהן אום איבער צו ווארטען דעם נעבעל, ווייל דער נעבעל איז געווען אזוי געדיכט, אז מען האט ניט געקענט זעהן א מענשען אויף פינף שריט פון זיך. ראבור אבער האט זיך אליין געשטעלט ביי זיין מאשין און האט זיא געלאָזט ארבייטען מיט פולער קראפט אין דער צייט פון א פיערטעל שטונדע האט זיך דער „אלבאטראָס" אויפגעהויבען אזוי הויך, אז ער איז אויסגעקומען העכער פון נעבעל. דיא זון האט געשיינט העלל און ווארם, וואו דער „אלבאטראָס" איז געפלויגען, און אונטען איז געווען פינסטער און א געדיכטער נעבעל.

ראבור איז צוגעגאנגען צו זיינע געסט און האט געזאָגט צו זיי:

— זעהט איהר, מיינע הערען, וויא מיין מאשין איז פיעל בעסער פון א דאמפף שיף. אין אזא געדיכטען נעבעל קען דאס בעסטע דאמפף שיף זיך ניט העלפען און מוז בלייבען שטעהן, מיין מאשין אבער פליהט איבערן נעבעל און זאגאר איבער דעם וואָלקען. איך וועל אייך נאך אמאָל וויזען, וויא אונטען אויף דער ערד וועט זיין א שטורם, עס וועט דונערן און בליצען און מיר וועלען פאָהרען אין העלען שיין פון דער זון.

א גאנצען טאָג האט געדויערט דער נעבעל און מען האט ניט געקענט זעהן דאס לאנד אונטער דעם „אלבאטראָס". דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז דער נעבעל פערשוואונדען געוואָרען און דיא רייזענדע געגען זייער ווילען האבען דערזעהן אונטער זיך א גרויסע שטאָדט מיט פאלאצען, מיט גרויסע הייזער, מיט טהורמס, מיט וועלדאס (דאטשעס) און זיי האבען זאָגאר געקענט הערן דאס גערויש פון דיא גאסען.

— מיינע הערען, דאס איז יעדראָ, דיא הויפט שטאָדט פון יאפאן, האט ראָבור געזאָגט צו זיינע געסט.

— הערר ראבור, מיר פרעגען אייך ניט און מיר בעטען אייך ניט, איהר זאלט אונז ערקלערען דיא נעמען פון דיא שטעדט, איבער וועלכע מיר פאָהרען, האט אָנ-קעל פרודענט געענטפערט בייז.

— איך האלט עס אבער פאר מיין פפליכט אלס קאפיטאן פון „אלבאטראָס"

אייך יעדעס מאָל צו מעלדען דיא נעמען פון דיא בעריהמטע סטאנציאָנען, וואו מיר קומען, האט ראבור בעמערקט, אין א קורצע צייט וועלען מיר זיין אין פעקין, דיא הויפט שטאָדט פון כינא.

דעם 4טען יולי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאר אונזערע רייזענדע געגען זייער ווילען איינע פון דיא שרעקליכסטע ערשיינונגען פון דער נאטור, וועלכע קומט פאָר נור אין דיעזע געגענדען. זיי האבען געזעהן א טאי־פון, א שרעקליכער שטורמווינד, וועלכער דויערט צוואר נור א גאנץ קורצע צייט, אבער אין דיעזע קורצע צייט איז ער אזוי שטארק, אז ער קען ארויסשליידערן אויף'ן ברעג א גרויסע און שטארקע דאמפף שיף. געגען א טאי־פון האט שוין זאגאר דער „אלבאטראס" ניט געקענט העלפען, אבער ראבור האט איהם אויסגעמידען. קוים האט ער דערזעהן וויא דער טאי־פון הייבט זיך אן, איז ער אנטלאפען מיט זיין „אלבאטראס."

דעם 5טען יולי האבען זיי דערהערט א שרעקליכען גערויש אונטער זיך, זיי האבען אראפגעקוקט און דערזעהן א גרויסען הויפען מענשען מיט פויקען, פייפען, טראמפעטען און אנדערע מוזיקאלישע אינסטרומענטען, דערביי האט מען געלאזען פליהען גאנץ הויך פאפירענע שלאנגען וויא עס מאכען עס קינדער ביי אונז.

— וואס איז דאס? האט פיל עוואנס געפרעגט אנקעל פרודענט.

אנקעל פרודענס האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

— דיא כינעזען פייערן היינט א גרויסען פייערטאג, האט ראבורם העלע און פעסטע שטימע געזאגט,—איך וועל זיי באלד איבערראשען

ער האט א ווינק געמאהן און דיא גרויסע טראמפעטע האט אנגעהויבען צו שפילען א כינעזישע. דיא כינעזען זיינען געפאלען מיט זייערע געזיכטער צו דער ערד און האבען אנגעהויבען צו בעטען צו זייער גאט בודדהא.

— מיינע הערען, איהר קענט יעצט בעטראכטען דיא בעריהמטע מויער, וועלכע דיא כינעזען האבע מיט טויזענדער יאהרען צוריק געבויט ארום זייער לאנד אום זיך צו שיצען געגען זייערע פיינד, האט ראבור געזאגט.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען יעצט ווירקליך געזעהן דיא ברייטע מויער, וועלכע דרעהט זיך וויא א שלאנג צווישען כינא און דיא מאנדשוריי. זיא איז אזוי ברייט, אז א קארעטע מיט זעקס פערד קען זיך גאנץ לייכט אויסדרעהן אויף איהר. אמאל פלעגען שטעהן וואכען און זיא אפהיטען, היינט איז זיא פערנאכלעסיגט און אין פיעלע ערטער איז זיא איינגעפאלען און דיא איינוואהנער צו־שלעפען דיא שטיינער פאר זייערע הייזער.

איינינע מינוט האבען דיא רייזענדע געגען זייער ווילען בעוואונדערט דיעזע

זאַנדערבאַרע מויער, דאן האבען זיי זיך דערמאַנט, וואו זיי זיינען יעצט און אזוי וויא ראבור איז ניט געוועזען יעצט אויף'ן דעק, האט פיל עוואנס געזאגט:

— אום גאַטעס ווילען! וואס וועט זיין דיא ענדע? מיר מוזען דאך זעהן זיך צו בעפרייען פון דיעזע מענשען!

— מיר מוזען אבווארטען א געלעגענהייט האט אנקעל פרודענט געענטפערט, —ער וועט זיך דאך א מאל מוזען אראפלאזען אויף דער ערד, ער וועט דארפען פּראוויאַנט אדער וואסער, דאן וועלען מיר אנטלויפען.

— איך וויל אבער אזוי לאנג ניט ווארטען! האט זיך פיל עוואנס געקאכט, מיר מוזען אנפאלען אויף איהם און איהם צווינגען מיט געוואלד, ער זאל אונז אפּ־לאזען.

— דאן מוזען מיר ווארטען ביז מיר וועלען קומען אין א ציוויליזירטעס לאנד, וואו מיר זאלען קענען האבען דיא מיטעל צו פאהרען א היים, האט אנקעל פּרו־דענט ערקלערט. וואס וועט אונז העלפען אראפצוגעהן פון „אלבאטראס" אין דיזע דיעזע ווילדע געגענדען? מיר וועלען דאך שטארבען פאר הונגער, איידער מיר וועל־לען צוקומען צו א שטאדט?

מיט צוויי טאג שפּעטער האבען אונזערע רייזענדע געפיהלט, אז עס ווערט שרעקליך קאלט. עס איז געוועזען אנפאנגס יולי, עס וואלט אלזא געדארפט זיין ווארם, וויא קומט עס וואס עס איז אזוי קאלט?

אנקעל פּרודענט און פיל עוואנס האבען אראפּגעקוקט פון דעק פון „אלבאט־ראס" און האבען דערזעהן מיט שרעק און שטוינען בערג מיט שנעע און גאנצע שטרעקען בעדעקט מיט אייז.

— וואס איז דאס? וויא קומט יעצט שנעע און אייז, בעזאנדערס אין דיעזע הייסע געגענדען? האט פיל עוואנס געפרעגט.

אנקעל פּרודענט האט געציטערט פון קעלט, אז עס האט איהם געקלאפּט א צאהן אן א צאהן און ער האט דארום גאר ניט געענטפערט.

— מיר געפינען זיך יעצט איבער דיא הימאלאיען, האט ראבור'ס שטימע געענטפערט, מארגען אין דער פריה וועט אייך זיין אזוי ווארם, אז איהר וועט אראפּווארפען פון זיך דיא העמדער, ווייל מיר וועלען זיין אין אינדיען.

דיא הימאלאיען זיינען דיא העכסטע בערג אין דער וועלט. זיי זיינען בעדעקט מיט אייביגען שנעע, אייניגע בערג זיינען אזוי הויך, אז קיין מענש האט זיי נאך ניט אויסגעפארשט. דיא גרעסטע טייכען פון אזיען הויבען זיך אן פון דיעזע בערג. דער שנעע ווערט צושמאלצען און עס ווערט פון דעם וואסער א טייך. אזוי הייבען

זיך אן דיא גרויסע טייכען פון אינדיען, דער גאנגעס, דער בראהמאפוטרא און דער אירעוואדדי.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה, ווען אנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען ארויסגעקומען אויף'ן דעק איז ראבור זיי ענטגעגען געקומען און האט געזאגט גאנץ העפליך:

— מיינע העררען, מיר זיינען אין אינדיען!

9טעס קאפיטעל.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס מאכען א פלאן צו אנטלויפען.

דיא רייזענדע געגען זייער ווילען האבען גערעכענט אז ראבור וועט אראפלאזען זיין מאשין לעבען דיא גרויסע שטעדט אין אינדיען, וויא קאלקוטא, באמביי, מאדראס, זיי האבען אבער באלד דערזעהן מיט צארן און פערדרוס, אז דער אלבאטראס האט זיך ארומגעדרעהט און איז גאר געפאהרען אין דער געגענד פון אפגאניסטאן.

יעצט האבען זיי עס שוין ניט געקענט אויסהאלטען און האבען גאנץ ערנסט אנגעהויבען צו טראכטען, וויא אזוי צו אנטלויפען. זיי האבען זיך צוגעקוקט צו יעדער זאך אויף'ן „אלבאטראס" און האבען געטראכט און געקלעהרט און זיך געבראכען דעם קאפ, וויא אזוי זיך צו בעפרייען פון דיעזען שלעכטען מענשען, וועלכער שלעפט זיי ארום דער וועלט געגען זייער ווילען.

איין מאל ווען פיל עוואנס האט זיך אנגעשפארט אן דעם ווענטעל פון דער קיך, האט ער געהערט, וויא צוויי מענשען רעדען. ער האט באלד דערקענט זייערע שטימען. דאס איז געוועזען דשארדש קערנס, דער הויפט אינזשעניר און טאפאזש, דער קאך.

— מיר מוזען האבען פרישען פראוויאנט, האט טאפאזש געזאגט, איך האב צוואר נאך גענוג מעהל אויף ברויט, אבער עס הייבט אן אויסצופעהלען פלייש און פיש.

— מיר וועלען באלד אנקומען צום קאספישען מעער, האט דשארדש קערנס געענטפערט אין קאספישען מעער געפונען זיך דיא בעסטע פיש אויף דער וועלט, מיר וועלען דארט בלייבען שטעהן א גאנצען טאג און וועלען חאפען פיש.

— אבער מיר דארפען שוין האבען וואסער, האט דער קאך ווייטער געזאגט.

— וואסער וועלען מיר באלד האבען, איז געווען דיא אנטווארט.

פיל עוואנס האט שיער ניט געטאנצט פאר פרייד. ער האט שוין ניט גע־וואלט הערען וואס זיי האבען ווייטער גערעדט און איז אוועקגעלאפען צו אנקעל פרודענט און האט איהם דערצעהלט וואס ער האט געהערט.

— דיעזע געלעגענהייט מוזען מיר בענוצען, האט אנקעל פרודענט געזאגט, אבוואהל איך מוז צוגעבען אז דער „אלבאטראס" איז א פארטערליכע פליה מא־שין און עס איז גאר ניט אזוי שלעכט צו מאכען אויף איהר א רייזע ארום דער וועלט.

— מיט דיעזען טויגעניכטס? מיט דיעזען מענשענרויבער? האט זיך פיל עוואנס געקאכט.—אויף קיין פאלל! ליעבער שטארבען, אלס רייזען מיט איהם!

— א טויגעניכטס איז ער געוויס, האט אנקעל פרודענט געענטפערט, אבער מיר מוזען דאך צוגעבען, אז זיין פליהמאשין איז דאך בעסער פון אונזערע לופט באללאנס.

— בעסער, ניט בעסער!—דאס וויים איך ניט, אבער מיר מוזען אנטלויפען! האט פיל עוואנס געשריען, מיר מוזען אנלערנען דיעזען טויגעניכטס און איהם ווייזען, אז מיט אמעריקאנער בירגער טאר מען ניט שפאסען.

— אבער וויא אזוי?

— איך האב געזעהן אין א ווינקעל ליעגען שטריק, האט פיל עוואנס ער־קלעהרט,—ווען דער „אלבאטראס" וועט בלייבען ערגעץ שטעהן, זאלען מיר צובינ־דען א שטריק צום געלענדער און זיך אראפלאזען אויף דער ערד.

— דאס איז ריכטיג! האט אנקעל פרודענט אויסגערופען, מיר מוזען עס פראבירען, מיר מוזען דאך ווייזען דיעזען רויבער, אז אן אמעריקאנער קען מען ניט האלטען געפאנגען, וויא א דומען יונג. מיר זיינען מענער!

אזוי וויא זיי האבען גערעדט איז דער „אלבאטראס" גאר פלוצלונג געבליע־בען שטעהן. זיי זיינען ארויסגעלאפען פון זייער קאיוטע זעהן, וואס איז שוין נייעס.

דער „אלבאטראס" האט זיך אראפגעלאזען גאנץ נידעריג צו דער ערד, נור 70 פוס הויך, אבער אויף א גרויסען זעע (אזיערא) מיט ריינעם, קלארענוואסער. פון „אלבאטראס" האט מען אראפגעלאזען א גומי שלויך, א רעהר פון גומי עלאס־טיק, און מען האט אנגעהויבען צו פומפען וואסער אין דעם רעזערוואואר.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען אנגעקוקט אייינער דעם אנדערן. זייערע בליקע האבען דייטליך געזאגט: „יעצט איז עס אונמעגליך. מיר מוזען אב־ווארטען א בעסערע געלעגענהייט."

קוים האט מען אנגעפומפט גענוג פרישעס וואסער, האט זיך דער „אלבאט־ראָס" ווידער אויפגעהויבען און איז געפלויגען מיט א שנעלקייט פון 126 מייל א שטונדע, אז עס איז געווען אוממעגליך איינצושטעהן א לענגערע צייט אויפ'ן דעק. אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען געמוזט זיך צוריקציהען אין זייער קאיוטע. זיי האבען א גאנצען טאג געמאכט פלענער, וויא אזוי צו אנטלויפען פון זייער געפענגניס.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז דער „אלבאטראָס" געפאהרען זעהר לאנגזאם. אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען דערזעהן מיט פרייד און שרעק, אז זיי געפינען זיך איבער א גרויסעס וואסער, א מעער.

— ווען איך האב קיין טעות, געפינען מיר זיך יעצט איבער דעם קאספּישען מעער, האט אנקעל פרודענט געזאגט.

— און דארום פאהרט דער אלבאטראָס אזוי לאנגזאם. ער זוכט אן אָרט, וואו צו בלייבען שטעהן, ווייל זיי ווילען חאפּען פיש, האט פיל עוואנס צוגעלענט.

יעצט אלזא איז עס אוממעגליך צו אנטלויפען, האט אנקעל פרודענט געזאגט טרויעריג.

באלד איז דער „אלבאטראָס" געבליעבען שוועבען אין דער לופט נור אייניגע פוס הויך איבערן וואסער. דאס איז ווירקליך געווען דאס קאספּישע מעער, איינער פון דיא זאָנדערבארסטע מעערע אין דער וועלט, ווייל ער איז איינגעשלאָסען פון אלע זייטען פון לאנד און האט קיין פערבינדונג מיט אן אנדער מעער.

דשאָרדש קערנס האט געגעבען א צייכען צוא זיינע מענשען און זייא האבען ארויסגענומען נעצען און אינסטרומענטען צו חאפּען פיש. מען האט אריינגעוואָרפען דיא נעצען אין מעער און דער „אלבאטראָס" האט זיך בעוועגט זעהר לאנגזאם און האט מיט געשלעפּט דיא נעצען. דאס ערשטע מאל איז דער פאנג זעהר גראָטען. ראָבור האט אויסגעזוכט א פּלאץ, וואו עס געפינען זיך פיעל פיש. דאס קאספּישע מעער איז מערקווירדיג מיט זיין רייכטהום פון פיש. רוסלאנד האט זיינע בעסטע פיש אין זיין בעריהמטען קאוויאר (איקרא) נור פון קאספּישען מעער.

דשאָרדש קערנס האט געהאלטען א לאנגע שפּיעז מיט א דאפּעלהאקען אוי־ווען, מיט וועלכע ער האט אויפגעשפּיעזט בעזאָנדערס גרויסע פיש, וויא דיא פיש, וועלכע הייסען אויף רוסיש „באליק" אין סטערליאד.

דער נעגער בראון האט זיך היינט עפּעס פערשלאָפען. ווען ער איז אויפגע־שטאנען און איז ארויסגעגאנגען אויפ'ן דעק, האט ער דערזעהן מיט שרעק און שטוי־נען. אז דער „אלבאטראָס" שטעהט יעצט גאנץ נאָהענט צום וואסער און אלע

זיינען בעשעפטיגט מיט שטריק און מיט שפּיזען. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז עס האט פּאסירט אן אונגליק, און ער האט אנגעהויבען צו שרייען, צו וויינען און צו יאמערן, מען זאל איהם ארויסלאָזען.

אזוי וויא דער נעגער האט געמאכט אזעלכע געוואלדען, אז מען האט ניט געקענט ארבייטען. האט ראָבור געהייסען צוויי פון זיינע מענשען, זיי זאלען איהם ארייַנשלעפּען אין זיין קאיוטע און זאָלען איהם דאָרט פערשליעסען.

— מיין העררו דער מאן האט דאך רעכט זיך צו בעקלאגען, האט אָנקעל פּרודענט געזאָגט צו ראָבור.

— און איך האב דאס רעכט ניט צו הערן זיין קלאגע אין איהם איינצושפּע־רען, האט ראָבור געענטפערט.

— קאפּיטאן ראבור!! האט אָנקעל פּרודענט אויסגערופען.

— העררו פּרודענט פון וועלדאן קלוב!! האט ראָבור געענטפערט.

ביידע מענער זיינען יעצט געשטאנען איינער געגען אנדערן, וויא צוויי גע־רייצטע טיגער. מען האט געקענט מיינען, אז אָט, אט וועלען זיי זיך ארויפוואַרפען איינער אויפ'ן אנדערן און וועלען זיך דערווארגען, אבער אנקעל פּרודענט האט זיך בערעכענט, אז יעצט קען ער גאר ניט טאהן געגען זיין פיינד און האט זיך אוועק־געקעהרט פון איהם.

ראבור האט געהייסען זיינע מענשען ענדיגען שנעל דעם פיש פאנג. אין א צייט פון צוויי שטונדען האבען זיי אנגעכאפּט אזוי פיעל פיש, אז עס איז גענוג גע־ווען אויף צעהן טאג צו עסען פאר אלעמען.

אונטערדעסען האט דער נעגער אלץ געשריען און גערופען אנקעל פּרודענט, ער זאל איהם ארויסלאזען פון זיין געפענגניס, און אזוי וויא אנקעל פּרודענט האט איהם ניט געענטפערט, האט ער אנגעהויבען צו קלאפּען אין דער טהיר און צו ריי־סען דיא ווענט.

— פיהרט איהם ארויס! האט ראבור געזאגט צו צוויי פון זיינע מענשען,— ברענגט א שטריק מיט א קארב, איך מוז אנלערנען דעם שווארצען, ער זאל וויסען וויא זיך אויפצופיהר'ען צווישען אנשטענדיגע מענשען.

מען האט ארויסגענומען דעם נעגער, האט איהם ארייַנגעזעצט אין א גרויסען קארב, וועלכער איז געווען צו געבונדען צו א שטארקען שטריק און מען האט איהם אראָפּגעלאָזען פון דעק פון „אלבאטראָס" וועלכער האט זיך יעצט אויפגעהויבען. דער נעגער איז געבליעבען הענגען אין דער לופט און האט זיך געשאָקעלט אויפ'ן לאנגען שטריק. ער איז יעצט געהאנגען צווישען הימעל און וואסער. ער האט זיך

אבער אזוי דערשראָקען, אז ער האט מורא געהאט זיך צו ריהרען און איז געבליע־בען ליעגען צונויפגעקייקעלט, וויא א קנויל.

— דאס איז שענדליך! דאס איז ניעדערטרעכטיג! האט אָנקעל פרודענט אויסגערופען.

— איהר דענקט אזוי, איך דענק אנדערש, יעדער מענש האט זיך זיין מיינונג, האט ראָבור געענטפערט.

— איך פראָטעסטיר געגען אזא ניעדערטרעכטיגע בעהאנדלונג פון מיין דיע־נער! האט זיך אָנקעל פרודענט געקאָכט.

— איהר מעגט פראָטעסטירען, האט ראָבור געענטפערט.

— איך וועל מיך נוקם זיין פאר איהם!

— איהר מעגט עס טאהן, ווען איהר ווילט עס.

— איך וועל מיך נוקם זיין אָן אייך, אָן אייער מאַשין און אָן אייערע מענשען! האט אָנקעל פרודענט געשריען אויסער זיך פאר צארן און פערדרוס.

— הערר פרעזידענט פון וועלדאָן קלוב! ווען איהר וועט זיך ניט אויפפיהרען אנשטענדיג, וועל איך אייך געבען דיא זעלבע לעקציאָן, וויא אייער דיענער, האט ראָבור געזאָגט שארף, איך האב גענוג שטריק אויף מיין מאשין.

אנקעל פרודענט איז געוואָרען רויט, וויא פייער, און וואלט געוויס געוועזן זיך ארויפגעוואָרפען אויף זיין פיינד מיט זיין מעסער, אבער פיל עוואנס האט איינגע־זעהן דיא געפאהר און האט מיט געוואלד אוועקגעפיהרט זיין פרעזידענט אין זיין קאיוטע.

אונטערדעסען האט זיך דאס וועטער געענדערט. דער הימעל איז בעדעקט געוואָרען מיט וואָלקענס, דיא לופט איז געוואָרען הייס און שטיקענד און עס האָ־בען זיך געוויעזען אלע צייכענס, אז באלד וועט אויסברעכען א שטורם. אויפ'ן קאס־פישען מעער קומען אָן דיא שטורמווינטען מיט אמאָל, האסטיג, אונערווארטעט. איידער מען האט זיך אומגעקוקט, האט עס אנגעהויבען צו דונערן און צו בליצען.

מען קען זיך דענקען, וואס דער ארימער נעגער האט איבערגעליטען אין זיין קאָרב, וועלכער איז אראָפגעהאנגען פינפציג פוס פון'ם „אלבאטראָס" און טויזענד פוס איבערן קאספישען מעער.

דער שטורם איז געוואָרען שטארקער. דער דונער האט גאָר ניט אויפגע־הערט און דיא בליצען האבען צוריסען דיא וואָלקענס און ארומגערינגעלט דעם „אלבאטראָס" מיט א מעער פון פייער.

ראָבור איז צוגעלאָפען צו זיין הויפט אינזשעניר און האט געזאָגט צו איהם:

— מיר מוזען זיך אויפהייבען העכער פון דיא וואלקענס, איך האב עפּעס מורא פאר דיעזען שטורם.

— עס איז אונמעגליך, האט דשאָרדש קערנס געענטפערט אונרוהיג.

— פאר וואס איז עס אונמעגליך?

אונזערע עלעקטרישע מאשינען ווירקען ניט, וויא עס הערט אויף צו ווירקען א טעלעפאָן און אנדערע עלעקטרישע מאשינען אין א גרויסען שטורם: דיא עלעקטריציטעט פון דיא מאשינען מישט זיך אוים מיט דער עלעקטריציטעט פון דער לופט און זיא קען ניט ארבייטען.

— דאן מוזען מיר זיך אראָפּלאָזען ניעדעריגער פון דער עלעקטריציטעט און דיא וואָלקענס, האט ראבור געזאָגט.

— דאס האב איך געטאהן, אבער אונזערע עלעקטרישע מאשינען האבען גאָר קיין קראפט, מיר לאָזען זיך אראפּ לאנגזאם, ווייל דער שטורם אליין דרעהט זעהר שטארק דיא פייגעל פון „אלבאטראָס", האט דשאָרדש קערנס געענטפערט.

ביידע מענער האבען זיך אנגעקוקט אייניגע אויגענבליקע, זיי האבען גוט פערשטאנען, וויא גרויס עס איז דיא געפאהר, אין וועלכער זיי געפינען זיך. אונטען האט גערוישט, געקאכט און געזאטען דאס קאספּישע מעער. גאנצע בערג מיט וואסער האבען זיך אויפגעהויבען און האבען געשפּריצט אין דער הויך. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז דאס קאספּישע מעער וויל איינשלינגען דעם שטאָלצען „אלבאטראָס" דערפאר, וואס ער וואגט צו פליעהען איבער איהם אין אזא שטורם.

דער „אלבאטראָס" איז אונטערדעסען געפאלען אלץ ניעדעריגער און ניעדעריגער, ביז דיא וועללען (כוואליעס) האבען שוין געשפּריצט אויף זיין דעק. דיא געפאהר איז יעצט געוועזען אם גרעסטען, נאך א פּאאר מינוט און דער אלבאטראס מיט זיינע מענשען וועלען אריינפאלען אין ווילדען שטורמישען מעער.

ראָבור האט זיך יעצט אליין געשטעלט ביים רודר און האט געעפענט אלע עלעקטרישע באטערעען. אין דיעזע מינוט האט דער שטורם נאכגעלאָזען אביסעל. דאס האט זיי געראטעוועט. דער „אלבאטראָס" איז געפלויגען, וויא א פייל פון א בויגען און אין צעהן מינוט איז ער ארויסגעפאהרען פון שטורם, ער איז אנטלאָפען געוואָרען פון שטורם. יעצט האט ער ווידער געקענט זיך אויפהייבען אין דער הויך, העכער פון דיא וואלקען און דיא מענשען אויף איהם האבען געקענט רוהיג זעהן, וויא דער שטורם שלאגט און שמייסט דיא וואסערן.

ערשט יעצט האט מען זיך דערמאָנט אָן דעם נעגער און מען האט איהם ארויפגעשלעפּט אויפ'ן דעק. ער איז געוועזען נאס, וויא א פיש, און האט געציטערט,

אז עס האט איהם געקלאפט א צאהן און א צאהן. ער האט זיך גוט אפגעבאדען אין קאספישען מעער.

10טעס קאפיטעל.

אנקעל פרודענט געפינט א מיטעל צו אנטלויפען.

דער „אלבאטראס“ איז אין א קורצע צייט אריבערגעפלויגען אסטראכאן, דיעזע בעריהמטע רוסישע שטאדט אויף א אינזעל פון דער וואלגא. אסטראכאן איז א מאל געווען דיא הויפט שטאדט פון א טאטארישען קעניג, אין 1554 האט צאר איוואן גראזני זיא אפגענומען און געמאכט פון איהר א רוסישע גובערניע, זיא איז דער הויפט פונקט פון האנדעל מיט פיש און פיעל פראדוקטען און האט 75.000 איינוואוינער.

פון אסטראכאן איז דער „אלבאטראס“ געפלויגען איבער דער וואלגא, דער גרעסטער טייך אין אייראפעאישען רוסלאנד און איז דעם אנדערן טאג אנגעקומען קיין מאסקווא. ווען ער איז אריבערגעפלויגען דעם קרעמל, האט ראבור א קוועטש געטאהן א קנעפעל און דיא גרויסע טראמפעטע האט אנגעהויבען צו שפיעלען דאס בעקאנטע רוסישע ליעד: „באזשע צאריא חראני!“ — פון מאסקווא איז דער „אלבאטראס“ זיך דורכגעפלויגען קיין סאנקט פעטערבורג, פון דארט איז ער אריבער געפאהרען דאס באלטישע מעער און איז אריבערגעפלויגען סטאקהאלם, דיא הויפט שטאדט פון שוועדען.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואס דער פרעזידענט און דער סעקרעטער פון וועלדאן קלוב האבען איבערגעליטען אין דיא לעצטע עטליכע טעג זיי האבען זיך איבערצייגט, אז עס איז כמעט אונמעגליך צו אנטלויפען, זיי האבען אלזא אנגעהויבען צו טראכטען אנדערע מיטעל, וויא אזוי זיך צו רעטען.

— מיר מוזען אנצייגען דער וועלט, דער פאליציי פון אירגענד וועלכען לאנד, אז ראבור האלט אונז געפאנגען אויף זיין פליה מאשין און שלעפט אונז ארום איבער דער וועלט, האט אנקעל פרודענט געזאגט.

— אבער וואס קען דיא בעסטע פאליציי מאכען געגען אזא מאשין? האט פיל עוואנס געפרעגט, דער וויל האבען מיר נאך קיינע פאליסלייט מיט פליעגעל, זיי זאלען קענען נאכפליהען ראבורן און איהם ארעסטירען.

— מיר ווילען נור בעטען דיא פאליציי, זיא זאל מעלדען דעם וועלדאן קלוב,

וואו מיר געפינען זיך, דער וועלדאן קלוב וועט שוין זוכען מיטעל אונז צו בעפרייען האט אנקעל פרודענט געזאגט.

— אבער וויא אזוי מעלדעט מען עס א פאליציי?

— איך האב א פלאן, האט אנקעל פרודענט געזאגט. איך וועל אנשרייבען א בריעף צו דער פאליציי, עס מאכט ניט אויס, וואס פאר א פאליציי: א רוסישע, א טירקישע אדער א דייטשע. אין דיעזען בריעף וועל איך בעטען דער פאליציי, זיא זאל שרייבען דעם וועלדאן קלוב, ריכטיגער נאך, זיא זאל איבערשיקען מיין בריעף צום וועלדאן קלוב אין פילאדעלפיא.

— אבער וויא אזוי וועט קומען אונזער בריעף צו א פאליציי?

— ווען דער „אלבאטראס" וועט פליעהען איבער א גרויסע שטאדט, וועל איך שטילערהייט אראפווארפען דעם בריעף.

דיעזער פלאן איז געווען אזוי ווייט ריכטיג, ווייל דער „אלבאטראס" האט זיך יעצט אויסגעדרעהט און איז געפלויגען נאך דענעמארק אדער האמבורג.

אנקעל פרודענט פלעגט שמעקען טאבאק און האט צו דיעזען צוועק געהאט א זילבערנע טאבאקס דאזע (פושקע). ער האט אנגעשריעבען א בריעף, זעלבסט-פערשטענדליך, אויף ענגליש, ווייל אן אמעריקאנער האט פיינט צו לערנען אנדערע שפראכען אויסער ענגליש, האט דיעזען בריעף אריינגעקוועטשט אין זיין טאבאקס דאזע און האט געווארט אויף א געלעגענהייט אראפ צו ווארפען דיעזע טאבאק דאזע אין א גרויסע שטאדט.

עס זיינען פערגאנגען עטליכע טעג און עס האט זיך קיינע געלעגענהייט פאר-געשטעלט אראפצו ווארפען דעם בריעף. דער „אלבאטראס" האט אויסגעמיעדען דיא גרויסע שטעדט און איז געפלויגען נור איבער פעלדער און וועלדער. דעם 18טען יולי איז ער געפאהרען איבער פאריז, צוואר זיינען אנקעל פרודענט און פיל עוואנס קיין מאל ניט געווען אין פאריז, אבער זיי האבען דערקענט דיעזע גרויסע וועלט שטאדט מיט איהרע בולווארען, מיט איהרע קירכען, מיט איהרע פאלאצען, מיט איהרע טהורמס. דער „אלבאטראס" האט זיך אראפגעלאזען אזוי ניעדעריג, אז מען האט געהערט דעם גערויש פון פאריזער גאסען און אזוי וויא ראבור האט גע-פונען פאר נעטהיג צו פאהרען איבער פאריז ביי נאכט, האט אנקעל פרודענט בע-נוצט דיא געלעגענהייט, ווען דיא גרויסע טראמפעטע האט אנגעהויבען צו שפיעלען ריא מארסעלעזע, און האט אראפ געווארפען זיין זילבערנע טאבאקס דאזע מיט'ן בריעף.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואס עס האט זיך אפגעטאהן אין פאריז, ווען מען האט נאר פלוצלונג דערהערט שפיעלען דיא מארסעליעזע פון הימעל. הונדער־טער טויזענדער מענשען זיינען געבליבען שטעהן און האבען געקוקט אויף'ן הימעל און פלוצלונג האבען זיי אנגעהויבען צו שרייען: הורראה!

מעהר האט ראבור ניט געדארפט, ער האט באלד א קוועטש געטאהן א קנעפעל, דער „אלבאטראס" האט זיך אויפגעהויבען גאנץ הויך און איז אוועקגע־פלויגען קיין איטאליען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט מען געבראכט צום פערפעקט פון פאריז א זיכבערנע טאבאקס דאזע מיט פאלגענדען בריעף.

„אנקעל פרודענט, דער פרעזידענט, און פיל עוואנס, דער סעקרעטער פון וועלדאן קלוב, פילאדעלפיא, זיינען געפאנגען אויף דעם לופט שיף „אל־באטראס" פון דעם ערפינדער ראבור. ווער עס וועט געפינען דיעזען בריעף, זאל זיין אזוי גוט און זאל איהם איבערשיקען צום וועלדאן קלוב, פילאדעל־פיא, אמעריקא."

„אנקעל פרודענט, פרעזידענט.

פיל עוואנס, סעקרעטער."

11טעס קאפיטעל.

דער „אלבאטראס" האט ניט לאנג פערווײלט אין איטאליען. דיא רייזענדע געפאנגענע האבען קוים קוים געזעהן דיא בעריהמטע שטעדט: נעאפאל, טורין, מאילאנד און ראם. פון איטאליען איז ער אוועקגעפלויגען קיין אפריקא. ער איז לאנגזאם פארביי געפלויגען דיא לענדער טוניס און אלזשיע, דאן האט ער זיך געלאזען אין דיא גרויסע און שרעקליכע וויסטע סאהארא, אדער זאהארא.

דער פרעזידענט און דער סעקרעטער פון וועלדאן קלוב האבען יעצט געהאט דיא בעסטע געלעגענהייט צו בעטראכטען דיעזע שרעקליכסטע וויסטע, דיעזעס מעער פון זאמד און שטיינער. פון צייט צו צייט האבען זיי געקענט זעהן וויא א קאראוואנע פון הונדערטער קעמלען און פערד איז לאנגזאם פארביי געפאהרען. ראבור פלעגט לאזען דעם „אלבאטראס" פליהען זעהר לאנגזאם ווען ער פלעגט דערזעהן א קאראוואנע. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז פאר אן אמעריקאנער איז עס געוויס זעהר אינטערעסאנט און ער האט געוואלט פערשאפען זיינע געסט דאס זעלטענע פערגניגען צו בעטראכטען א קאראוואנא אין דער וויסטע סאהארא פון א הויך פון איינייע טויזענד פוס.

איין מאל זיינען אנגעפאלען רויבער אויף אזא קאראוואנא. ראבור האט עס דערזעהן און האט געלאזען שפּיעלען זיין גרויסע עלעקטרישע טראמפּעטע. דיא רויבער וויא דיא רייזענדע האבען זיך אזוי דערשראקען, אז זיי זיינען אלע געפאלען מיט זייערע געזיכטער צו דער ערד און האבען אנגעהויבען צו שרייען:

— אללאה! אללאה! אללאה על אכביר! (גאט! גאט! גרויסער גאט!)

דער „אלבאטראס“ האט זיך דאן אויסגעדרעהט נאך זיד־וועסט און איז אריינגעפאהרען אין סודאן. מיט א טאג שפּעטער האבען דיא רייזענדע דערזעהן, דערהערט און דערשמעקט א גרויסע שטאדט. זיי האבען דערזעהען א גרויסען הויפען הייזער, וועלכער האט געבילדעט א דריי עק; זיי האבען דערהערט א ווילדען, אונגעוועהנליכען גערויש און זיי האבען דערשמעקט א גערוך, פון וועלכען זיי האבען געמוזט זיך צו האלטען דיא נעזער, ווייל זיי זיינען גראדע פאראיבערגעפאהרען דעם פלייש מארק פון דער שטאדט.

ראבור איז צוגעקומען צו זיי און האט געזאגט העפליך, אבער פעסט:

— מיינע הערען, דאס איז טימבוקטו, דיא גרעסטע שטאדט אין סודאן. דא וואוינט א גרויסער סולטאן, דער הערשער פון דער גאנצער געגענד. טימבוקטו איז אמאל געוועזען זעהר בעריהמט מיט איהר אינדוסטריע, מיט איהר קונסט און מיט איהר וויסענשאפט, היינט איז זיא פערנאכלעסיגט, אבער דאך איז זיא דיא גרעסטע האנדעלס שטאדט אויפ'ן טייך ניגער. מיר וואלטען געקענט זיך אראפּלאזען און פערברענגען דא עטליכע טעג, איך וויים אבער ניט, וויא אזוי דיא נעגער, בערבערן און אראבער פון טימבוקטו וועלען אונז אויפנעהמען. איך דענק, אז זייא זיינען ניט זעהר געוואוינט צו זעהן מענשען קומען אין א פליה מאשין.

— מיין הערר! עס וועט אונז זיין פיעל אנגענעהמער אריינצופאלען אין דיא הענד פון דיעזע ווילדע נעגער, בערבערן און אראבער אלס צוא בלייבען בייא אייך, האט פיל עוואנס געזאגט שטאלץ.

— דאס קען זיין, האט ראבור געענטפערט, אבער איך קען עס אייך ניט ערלויבען, ווייל איך מוז מיך זארגען פאר מיינע געסט, איך בין פעראנטווארטליך פאר זייער לעבען און דערפאר קען איך זיי ניט ערלויבען אראפּגעהן אין טימבוקטו, זיי קענען זיך דא געפינען אין דער גרעסטער געפאהר.

— קאפּיטאן ראבור! האט אנקעל פרודענט אויסגערופען, איז עס פאר אייך ניט גענוג, וואס איהר האלט אונז געפאנגען? דארפט איהר נאך דערצו אונז בעליידיגען? — איך קען אזא בעליידיגונג ניט איבערטראגען און איך רוף אייך ארויס אויף א דועל אויף טויט און לעבען.

— דאס הייסט, אז מיר זאָלען זיך שלאגען אזוי, לאנג, ביז איינער פון אונז זאל בלייבען טויט ? האט ראָבור איבערגעפרעגט.

— יא, מיין הערר.

— דאן נעהם איך ניט אן אייער דועל, הערר פרעזידענט פון וועלדאן קלוב, האט ראָבור געזאגט רוהיג.

— ווייל איהר האט מורא פאר אייער לעבען ! האט אנקעל פרודענט אויס־געדופען.

— ניין, ווייל איך וויל, אז איהר זאָלט לעבען.

— ווען איך וועל לעבען, וועט איהר ניט לעבען !

— ניין, דאס וועלען מיר שוין זעהן, האט ראבור געזאגט.

— און איהר וועט עס זעהן ! האט אנקעל פרודענט אויסגעשריען, אונזערע פריינד וועלען אונז בעפרייען פון אייך, איך האב זיי שוין געמעלדעט.

— דורך דיא פאסט ? האט ראבור געלאכט.

— געוויס דורך דיא פאסט ! איך האב אראפגעווארפען א בריעף....

ראבור איז אויפגעשפרונגען. צום ערשטען מאל, זייט זיי האבען זיך געפונען אויפ׳ן „אלבאטראס“, האבען זיי איהם געזעהן אין צארן.

עס איז שווער צו זאגען, וואס עס וואָלט ארויסגעקומען צווישען דיעניגע צוויי מענשען, ווען מען זאָל ניט געווען הערען שיעסען אין דיעזע מינוט. דיא איינוואָנער פון טימבוקטו האָבען דערזעהן דעם „אלבאטראָס.“ האָבען זיך פערזאמעלט אין א גרויסע מענגע אויף דעם מארקפּלאץ און האָבען אָנגעהויבען צו שרייען, צו כיאר־מען און צו שיעסען. דער „אלבאטראָס“ איז דאמאָלס געפלויגען גאנץ ניעדעריג און דשאָדש קערנס האָט מורא געהאט אז א קוגעל פון דיא לאנגע אראבישע ביק־סען קען נאָך טרעפען דעם „אלבאטראָס.“ ער האָט דאָהער א דרעה געטאָהן דיא שרויבע און דער „אלבאטראָס“ האָט זיך אויפגעהויבען און האָט אָנגעהויבען צו פליהען זעהר שנעלל. ער איז יעצט געפלויגען נאָך זיד־וועסט און איז באלד אָנגע־קומען אין א גליקליכעם לאנד. וויא וויט דאס אויג האָט עס געזעהן אראנזש־בוי־מער, קאקא־נוס ביימער, פאלם ביימער, בליהענדע פעלדער, גרינע וועלדער, וועל־כע האָבען ארויסגעגעבען אזא טהייערן גערוך אז אלע מענשען פון „אלבאטראס“ האבען איהם איינגעאטהעמט מיט פערגניגען. זייט דער פרעזידענט און דער סעק־רעטער פון וועלדאן קלוב האבען זיך געפונען אויף׳ן „אלבאטראס“ האבען זיי נאָך אזא שעהנעס, אזא ליעבעס, אזא בליהענדעס לאנד ניט געזעהן. עס איז ווירקליך געווען א פאראדיז, א גן עדן, א פאנטאזיע, א טרוים.

— וואס איז דאס פאר א לאנד? האט פיל עוואנס אויסגערופען. — איך בין געווען אין אמעריקא, איך האב בעזוכט דיא לענדער פון צענטראל אמעריקא, איך האב געררייזט אין בראזיליען, איך האב שוין געזעהן אין מיין לעבען שעהנע לענדער, אבער אזא שעהנעס לאנד, אזא גליקליכעס לאנד, אזא רייכעס לאנד, האב איך נאך קיין מאל ניט געזעהן. — וואס איז דאס פאר א לאנד?

— דאס איז ד א ה א מ ע א י האט ראבורס העללע שטימע געענטפערט, — דאהא מעאי איז איינע פון דיא גליקליכסטע און איינע פון דיא אונגליקליכסטע לענדער אויף דער וועלט.

ער האט ניט געוואוסט מען זאל איהם פרעגען פאר וואס עס איז אונגליקליך און האט עס אליין ערקלעהרט:

— ווען עס קומען געזאנדטע פון א פרעמדעס לאנד צום קעניג פון דאהא מעאי, נעהמט ער זיי אויף מיט גרויס פאראד און מען ברייננט פאר זיי עטליכע דוצענד מענשען־קעפּ, וועלכע מען האט אפּגעהאקט צור עהרע פון דיא געסט. דער ערשטער מיניסטער פון'ם קעניג איז אויך דער הענקער, דער קאפּ־אפּשניידער. — דער קעניג פון דאהא מעאי האט א גוט איינגעאיבטע ארמעע פון פינף ביז זעקס טויזענד סאלדאטען און א לייבגארדע פון פיער טויזענד יונגע פרויען. מען דערצעהלט אין אלטע געשיכטען, אז קעניג אלכסנדר מוקדון האט אמאל געפיהרט קריעג מיט אמאזאנען, פרויען סאלדאטען. איך וויים ניט, אויב דאס איז וואהר, זיכער איז עס אבער, אז דיא פרויען סאלדאטען פון דאהא מעאי זיינען דיא בעסטע קריעגער פון דיעזען ווילדען אפריקאנישען קעניג. זיי טראגען לייכטע ווייסע העמדער מיט א רויטען שארף אלס גארטעל. זייערע וואפען בעשטעהען פון קורצע שווערדען און לייכטע ביקסען. איינינע פון זיי זיינען אבער, יונגע מעדכען, טראגען בלויע העמדער, ווייסע היטלען און שווערע ביקסען, דאס זיינען דיא קעניגליכע יעגער. — אבאמעאי איז דיא הויפּט שטאדט פון קעניגרייך. איך וויל יעצט פאהרען זעהר לאנגזאם און אייך ווייזען אלע וואונדער פון דאהא מעאי.

ער איז נעגאנגען זאגען דשארדש קערנס, ער זאל פאהרען ניעדעריג און לאנגזאם.

צופעלינער ווייזע איז גראדע מיט א פאר טעג פריהער געשטארבען באהא־דאן, דער קעניג פון דאהאמעאו, דאס גאנצע לאנד איז געווען אין טרויער און מען האט געמאכט גרויסע פארבערייטונגען צו דער קרענונג פון א נייעם קעניג.

ווען דער „אלבאטראס" האט זיך אראפּגעלאזען אויף צוויי טויזענד פוס דיא הויך איבער דער ערד, האט מען געזעהן פון איהם גאנץ דייטליך וויא עס ציהען

זיך מענשען צו א געווויסען אָרט. ראָבור איז געוואָרען פּעראינטערעסירט און האָט געלאָזען דעם „אלבאטראס“ אזוי לאנגזאם, אז מען האט געקענט דייטליך זעהן, וואס עס טהוט זיך אויף א גרויסע שטרעקע.

דיא איינוואהנער פון לאנד האָבען זיך געצויגען צו דער הויפּט שטאדט אבאָמעאי. דיא שטאדט אליין איז אבער געוועזן לעדיג, פון דעם „אלבאטראס“ האט מען געזעהן דיא הייזער פון דיעזער הויפּטשטאדט, דיא גאסען, דיא מויערן, דיא בעפעסטיגונגען, דיא טיעפע גראָבענס פאר דיא מויערן און דעם קעניגליכען פּאלאץ. ניט ווייט פון דער הויפּט שטאדט האט זיך געפונען א גרויסער, גלייכער פּלאץ, אהין האט זיך פערזאמעלט דאס פאלק.

ביי יעדער צערעמאָניע אין דאהאָמעאי, אין יעדען פייערטאג, ווערען גע־שלאָכטעט מענשענאָפּפער. ווען מען דארף קרענען א נייעם קעניג, טויטעט מען עטליכע הונדערט און אפט זאגאר עטליכע טויזענד געפאנגענע מענשען.

יעצט האבען זיך פערזאמעלט אויף'ן גרויסען פּלאץ פאר דער הויפּטשטאדט פונפציג ביז זעכציג טויזענד מענשען, דער נייער קעניג איז געשטאנען אויף א בער־געל אונטער דעם שאטען פון פאלם בוימער. ארום איהם איז געשטאנען זיין אר־מעע, דיא מענער סאלדאטען און דיא פרויען סאלדאטען און ארום זיי דאס גאנצע פאלק. אן ארקעסטער מוזיקאנטען מיט פּייקען פון אויסגעהוילטע קלעצער און פלייי־טען פון באמבוק שטעקענס האט געשפּיעלט און געמאכט אזא לארם, אז א ציוויי־ליזירטער מענש האט געמוזט זיך פערמאכען דיא אויערן.

אין א ווינקעל זיינען געלעגען אויסגעבונדען די אונגליקליכע וועלכע מען האט געדארפט טויטען, דאס הייסט אפּפערן, צור עהרע פון דעם נייעם קעניג. ראבור איז געוועזן בעקאנט מיט דיא ווילדע זיטען פון דיעזעס ווילדעס פאלק. ער האט געוואוסט, אז באלד וועט זיך אנהויבען א מענשען שלאכטעריי, פון וועלכער מען האט אין אייראפּא קיים א בעגריף. דיא ווילדע איינוואהנער פון דאהאמי גלויבען, אז דער פערשטארבענער קעניג דארף האבען ארום זיך אן ארמעע אויף יענער וועלט און אזוי וויא קעניג דאהאבאן איז געוועזן זעהר בעליעבט ביים פאלק, האט דער נייער קעניג געוואלט שיקען מיט איהם אויף יענער וועלט אן ארמעע פון דריי טויזענד מאן.

דער „אלבאטראס“ האט זיך אראפּגעלאזען אויף פופציג פוס פון דער ערד. אן אנדער מאל וואלט דאס פאלק זיך דערשראקען, ווען עס וואלט דערזעהן דיעזע װאנדערבארע זאך אראפּקומען פון הימעל. דאס מאל אבער האט עס געגלויבט, אז

מען איז געקומען פון הימעל זעהן דיזען גרויסען פייערטאג. דאס פאָלק איז געוואָרען ווילד פאר פרייד. מען האט אָנגעהויבען צו טאנצען, צו שפּרינגען, צו זינגען, צו שרייען און אויסצושטרעקען דיא הענד צו דיא געשיקטע פון הימעל.

דער נייער קעניג מיט זיינע פּריעסטער האָבען געוואָלט אָפּגעבען עהרע צו דיא געזאנדעטע פון הימעל און האבען אנגעהויבען צו ברענגען מענשען אָפּפער. קוים אָבער האבען זיי אפּגעהאקט דעם ערשטען קאָפּ, האט זיך דער „אלבאטראָס" אראָפּגעלאָזען נאך ניעדעריגער, עס האט געקנאקט א ביקס און דער גרעסטער פּריעסטער איז געפאלען טויט.

— בּראוואָ, דשאָרדש קערנס! האט ראָבור אויסגערופען,—לאָמיר זיי אָנלערנען, זיי זאָלען ווייטער ניט בּרענגען קיין מענשען אָפּפער.

יעצט ערשט האט דער פּרעזידענט און דער סעקרעטער פון וועלדאן קלוב דערזעהן, אז אלע מאטראָזען פון „אלבאטראס" שטעהן מיט ביקסען אין דיא הענד און זיינען בּערייט צו שיעסען.

איינינע אויגען בליקע איז דאס פאָלק פון דאהאָמעאי געווען אזוי איבּעראשט דער פון, וואס זייער פּריעסטער איז געפאלען טויט, אז אלע זיינען געבּליעבען שטעהן וויא פערשטיינערט, פּלוצלונג אָבער האבען אלע אנגעהויבען צו שרייען און צו לארמען. זיי האבען פערשטאנען, אז דיא מענשען פון „אלבאטראס" זיינען קיינע פריינד וועלכע זיינען געקומען זיך פרעהען מיט זיי, זאָנדערן פיינד, וועלכע ווילען זיי שטערן אין זייערע הייליגע צערעמאָניען.

— מיר מוזען בּעפּרייען דיזע געפאנגענע, האט ראָבור געזאָגט צו זיינע מענשען, מיר טאָרען ניט דערלאָזען דיזע שרעקליכע, אונמענשליכע צערעמאָניען.

קוים האט ער דאס געזאָגט, האבען זיך דיא סאָלדאטען פון דאהאָמעאי אויסגעשטעלט און האבען געציעלט מיט זייערע בּיקסען אויפ'ן „אלבאטראָס",

— גיט זיי א פּאָרציאָן בּליי! האט ראָבור קאָמאנדירט.

אכט ביקסען האבען אויסגעשאָסען, אכט קוגעל האבען געטראָפען און אכט שווארצע סאָלדאטען זיינען געפאלען טויט. דאס האט אזוי אויפגערייצט דיא איבּעריגע, אז אלע האבען אויסגעשאָסען מיט אמאָל אין בּזוזענדער קוגעלן זיינען געפלויגען צום „אלבאטראָס". זיי וואָלטען געוויס געטראָפען, ווען דער „אלבאטראָס" וואָלט זיך אין א סעקונדע ניט אויפגעהויבען אין דער הויך.

— מיר מוזען זייא געבען א פּאָרציאָן פון דינאמיט קוגעלן, האט ראָבור געזאָגט.

א דינאמיט קוגעל איז א געוועהנליכע בּלייענע קוגעל, אָנגעפּילט מיט דינא-

מיט, ווען זיא ווערט אויסגעשאָסען, ווערט זיא צוריסען אויף שטיקלעך און יעדעס שטיק בעזונדער טויטעט אדער פערוואונדעט א מענשען.

ראָבור האט אויסגעטהיילט זיינע מענשען דינאמיט קוגעלן. אכט ביקסען האָבען אויסגעשאָסען, אכט קוגעלן זיינען ארויסגעפלויגען פון דיא ביקסען, זיינען צוריסען געוואָרען און האבען פערברייטערט טויט און וואונדען אין אלע זייטען. דאס האט געווירקט. דיא איינוואוינער און דיא סאלדאַטען פון דאהאמעאי האבען זיך אזוי דערשראָקען פאר דיזע געפעהרליכע קוגעלן, אז זיי האבען אָנגעהויבען צו אנטלויפען. דיא געפאנגענע, געבונדענע, אונגליקליכע אָפּפער האבען פערשטאנען, אז מען וויל זיי בעפריען און זיי האבען אָנגעהויבען זיך צו ריהרען און צו רייסען דיא שטריק, מיט וועלכע זיי זיינען געוועזן געבונדען.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען געוועזן זעהר צופריעדען מיט ראָבור דערפאר, וואס ער האט בעפרייט דיא אונגליקליכע. אויך זייא האבען אמאל געקעמפפט אין אמעריקא פאר דיא בעפרייאונג פון דיא נעגער.

אין א קורצע צייט האבען זיך אלע געפאנגענע בעפרייט, האבען זיך אויפגעהויבען און זיינען זיך צולאָפען. דער נייער קעניג איז היינט ניט געקרוינט געוואָרען.

דער „אלבאטראָס“ האט זיך ווידער אויפגעהויבען גאנץ הויך און איז שנעל אוועקגעפלויגען. געגען אבענד האט ער געפלויגען איבער דעם אטלאנטישען וועלט מעער.

12טעס קאפיטעל.

איבער דעם אטלאנטישען וועלט מעער.

דער „אלבאטראָס“ איז ווידער געפלויגען איבער א וועלט מעער, דאס מאָל אָבער איז עס געוועזן דאס אטלאנטישע וועלט מעער. ווידער אמאל האבען דיא רייזענדע געגען זייער ווילען געזעהן אונטער זיך נור וואסער און איבער זיך דעם בלויען הימעל. אפריקא איז פערשוואונדען געוואָרען פון זייערע אויגען און אזוי וויא אפריקא האט אין אלגעמיינען זעהר ווענינ אינזלען, האט מען זאָגאר פון „אלבאטראָס“ וויים און ברייט געזעהן נור הימעל און וואסער.

דען 20טען יולי האט זיך זיי פאָרגעשטעלט איינע פון דיא זעלטענסטע, איינע פון דיא שעהנסטע און איינע פון דיא מערקווירדיגסטע וואונדער דער נאטור. דיא זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהן, מען האט געקענט זעהן דיא גאנצע גרויסע

קוגעל, וויא זיא כאָזט זיך אראָפּ אין מעער. פּלוצלונג האט זיא אנגעהויבען ארויפצוגעבען פון זיך שטראהלען פון אלערליי פארבען, וויא א רעגען בויגען. דיא גרינע פארב איז אָבער געוועזן שטארקער פון אלע איבעריגע פארבען און עס האט זיך אויסגעוויזען, אז אלעס איז גרין.

דאס איז א זעהר זעלטענע ערשיינונג, א רעטעניש פון דער נאטור, וועלכעס מען האט נאָך ניט געלעזט, ניט ערקלערט. אייניגע געלערנטע בעהויפּטען, אז אין דער לופט איבערן אטלאנטישען וועלט מעער שוועבען גאנץ קליינע שטיקעלעך גלאָז אדער פערגלאָזטער, גלאזירטער, שטויב, פון דיא פייער שפּייענדיגע בערג פון אפריקא, אזיען, און אייראָפּא. דיעזער גלאָז שטויב מאכט דיא זעלבע ווירקונג, וויא דיא קליינע טראָפּען וואסער אין דער לופט נאָך א רעגען; וועלכע זיינען דיא אורזאכע פון רעגען בויגען. אויף דעם אנטלאנטישען מעער זעהט מען אלזאָ א רעגען בויגען, וועלכער ווערט געמאכט פון גלאָז שטויב.

דען 23טען יולי האבען דיא רייזענדע געגען זייער ווילען געזעהן אן אנדערע זעלטענע נאטור ערשיינונג, אן אנדער רעטעניש פון דער נאטור, וועלכעס מען קען זעהן נור אויף דעם אטלאנטישען וועלט מעער, אבער אויך זעהר זעלטען.

דער הימעל איז געוועזן ריין און קלאָר, דאס מעער איז געוועזן גלאט און רוהיג וויא א שפּיעגעל, קיין ווינטעלע האט געבלאָזען, קיין לופטעלע האט זיך גערירהרט. אלעס איז געוועזן שטיל, רוהיג און אנגענעהם. פּלוצלונג האָבען זיך געוויעזען אין דער לופט וועלכען (כוואליעס) פון ליכט. פּונקט וויא דיא וועללען פון וואסער, אזוי האָבען דיעזע וועללען פון ליכט זיך אויפגעהויבען, נאָכגעלאָפען איינע דיא אנדערע, זיך נאָכגעיאָגט איינע דיא אנדערע און פערשוואונדען געוואָרען. דיא זון איז אונטערגעגאנגען, עס וואָלט געדארפט ווערן פינסטער, אבער דאס גאנצע מעער איז געוועזן איינגעהילט אין פייער און דער „אלבאטראָס" האָט געשוועבט אין א מעער פון פייער, א פייער וועלכעס ברענט ניט, וועלכעס ווארמט ניט, וועלכעס לייכטעט נור, אָבער ניט מיט א רויטעס ליכט, וויא פון א פלאם, זאָנדערן מיט א ווייסעס, זילבערנעס ליכט, וויא צינדהעלצלעך ווען זיי ווערן פייכט אין דער פינסטער, אָדער וויא פערפוילטעס האָלץ.

עס איז זעהר שווער צו בעשרייבען דיעזעס פייער, ווער עס האָט עס ניט געזעהן מיט דיא אויגען, דער וועט עס קוים פּרשטעהען, ווער עס האָט עס אָבער געזעהן, דער וועט עס ניט פערגעסען.

מען זאגט אז דיעזעס פייער קומט פון געוויסע גאנץ קליינע בעשעפּענישע אין מעער, וועלכע לייכטען וויא פאָספאָר. זיי קומען ארויף אויף דיא וואסערן פון

וועלט מעער נור אין געוויסע צייטען, ניבען א פאָרשטעללונג פון פייערווערק און פערשווינדען. אזוי זאגט מען, אָבער אָך! וואס זאגט מען דען ניט? וואס ערקלערט מען דען ניט? מען זאגט פיעלעס, מען ערקלערט אלעס און דאָך גלויבט דיא נאַטור אין אייביגעם געהיימניס, א בוך, פערזיגעלט מיט זיעבען זיעגלען.

דיא נאכט איז פערגאנגען רוהיג. דעם אנדערן טאג איז דיא זון אויפגעגאַנגען העל און פריינדליך. געגען מיטאג האט זיך געוויעזען א וואָלקען אויף'ן הימעל, וועלכער האט אנגענומען א זאָנדערבארע געשטאלט, אן אונגעוועהנליכע פאָרם. עס האָט זיך אויסגעוויעזען אז פון איהם ווערט א טריכטער, א לייקע, א שקאַרמיץ, אין וועלכען קרעמער פערקויפען עסענווערק, פון אויבען ברייט און פון אונטען שמאָל, זיך ענדענדיג מיט א שפּיץ.

אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס האָבען בעטראכט מיט שטוינען און פערוואונדערונג דיעזעס נייע וואונדער. פלוצלונג האָט זיך דאס וואסער פון מעער אָנגעהויבען צו ריהרען און זיך אויפצוהויבען גלייך וויא עס האט געוואָלט ארויפשפרינגען צו דיא וואָלקענס. דאס וואסער האָט זיך אויפגעהויבען אויך וויא א טריכטער, וויא א לייקע, אבער מיט'ן שפּיץ ארויף, דיא וואלקענס אָבער האָבען פאָרגעשטעלט א טריכטער מיט'ן שפּיץ אראָפּ. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז ביידע טריכטערס, ביידע לייקעס, דיא וואָלקענס פון אויבען און דאס וואסער פון אונטען, ווילען זיך פעראייניגען.

דער פרעזידענט און דער סעקרעטער פון וועלדאָן קלוב האָבען צוואר געהערט, אז אין מעער קומט אמאָל פאָר א וואסער האָזע (סמערטש, אויף רוסיש; וואסער ספּאוט, אויף ענגליש), זיי האבען עס אבער קיין מאל ניט געזעהן. זיי האבען עס אבער קיין מאָל ניט געזעהן. זיי האבען געוואוסט אז ווען א שיעף קומט אריין אין אזא וואסערהאזע, צווישען דעם טריכטער פון דיא וואלקען און דעם טריכטער פון דיא וואסערן, איז עס פערלאָרען. זיי האבען זעהר גוט געוואוסט אז יעדער שיפסקאפּיטאן ציטערט פאר אזא וואסערהאָזע, אבער זיי האבען עס קיין מאל ניט געזעהן מיט דיא אויגען און דערפאר האבען זיי ניט געקענט וויסען אין וואָס פאר א געפאהר דער „אלבאטראס" געפינט זיך יעצט.

עס איז שווער צו זאגען, ווער עס האט געמאכט דעם פעהלער, דשארדש קערנס אדער ראבור אליין, עס איז אבער זיכער, אז איידער זיי האבען זיך אומגעקוקט, איז דער „אלבאטראס" אריינגעפאהרען צווישען ביידע טריכטער און ביידע האַבען איהם אָנגעהאפּט, פון אויבען דיא וואָלקען, פון אונטען דיא וואסערן. דיא גאנצע מאשין האט אנגעהויבען צו פּיטערן און צו קרעכצען, וויא א מענש אין פּיעבערהיץ.

אַנקעל פּרודענט, פיל עוואַנס און דיא מאַטראָזען פון „אלבאַטראָס“ האבען ניט געקענט איינשטעהן אויף דיא פיס און האבען געמוזט זיך אנהאַפּען אן דיא ווענט און אָן דעם געלענדער.

— רוהיג זיין! האט ראָבור קאָמאַנדירט. — רשארדש קערנס! שיעסען!

דשארדש קערנס האט אנגעלאדען דיא קאַנאָנען און האט געציעלט אויף דעם טריכטער און דיא וואָלקענס. דיא קאנאנע האט אויסגעשאסען, דער „אלבאטראס“ האט זיך א ווארף געטאהן, דער שפּיץ פון דעם טריכטער פון דיא וואלקענס איז פערשוואונדען געווארען, וויא דורך א צויבער. דער „אלבאטראס“ איז ארויס פון געפאהר.

דיזעס מיטעל איז ניט ניי. יעדער שיפסקאפּיטאַן וויים עס. ווען ער דערזעהט א וואסער האזע צו קומען אויף איהם, שיעסט ער אויס פון א קאנאנע, דיא לופט ווערט צו טרייסעלט און דיא וואסערהאזע פערשווינדעט.

יעצט איז דער „אלבאטראָס“ רוהיג ווייטער געפלויגען קיין זידען (דרום זייט) פון דער וועלט. דער פּרעזידענט און דער סעקרעטער פון וועלדאן קלוב האָבען בעמערקט מיט שטוינען אז דיא טעג ווערען קירצער און עס הויבט אָן קיהלער צו ווערן. ראָבורן האבען זיי יעצט געזעהן זעהר זעלטען. ער פלעגט גאַנצע טעג פערברענגען אין זיין קאיוטע.

אָנקעל פּרודענט איז געפאלען אויף א נייעם פּלאַן. ער האט געהייסען זיין נעגער ער זאל אויספארשען מיסטער טאפּאוש, דעם קאָך, און ביי איהם געוואהר ווערען ווער ראבור איז און פון וואנען ער איז. דער נעגער האט געטאהן אלעס מעגליכע אום ארויסצונארען ביים קאָך זיין געהיימניס, אבער יעדעס מאל האט דער קאָך געזאגט עפּעס אנדערש. איין מאל האט ער פערטרויט דעם נעגער א געהיימניס, אז ראבור איז א שפּאנישער גענעראל, וועלכער האט זיך צוקריגט מיט זיין רעגיערונג; דאס אנדערע מאל האט ער איהם דערצעהלט ווידער אלס געהיימניס, אז ראבור איז א געוועזענער פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען; דאס דריטע מאל, אז ראבור איז א קעניג ערגעץ אין א לאנד אין אינדיען.

אנקעל פּרודענט האט זיך ענדליך איבערצייגט אז דער קאָך לאכט פון זיי.

— עס העלפט ניט, האט ער אמאל געזאגט טרויעריג צו פיל עוואנס, עס העלפט ניט! מיר זיינען אין זיינע הענד און ער קען טאהן מיט אונז וואס ער וויל. אנטלויפען איז אונמעגליך.

— אבער שטארבען איז דאך מעגליך? האט פיל עוואנס געפרעגט.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— איך מיין דערמיט, אז איך וויל שטארבען און טויטען מיט מיר דיעזען פערדאמטען ראבור. איך וויל עס מאכען וויא שמשון הגיבור, וועלכער האט גע־זאגט: תמות נפשי עם פלשתים! איך וועל אליין שטארבען, אבער איך וועל מיך נוקם זיין אן דיא פלשתים.

— איך זעה ניט איין צו וואס מיר זאלען עס טאהן, האט אנקעל פרודענט בעמערקט.

— איהר זעהט ניט איין? האט פיל עוואנס געפרעגט פערדראסען, — ווייסט איהר דען וואוהין מיר פאהרען? — מיר פאהרען קיין פאטאגאניען, פיליי־בט צום זיד פאל, ווער ווייס עס? אויף דיעזען ראבור איז אלעס צו גלויבען, ער וועט אונז ארומ־שלעפען מיט זיך, ער וועט אונז קיין מאל ניט ארויסלאזען. — נון וואס טויג אונז אזא לעבען? — איין מאל פאר אלע מאל שטארבען און פערניכטען דיעזען ראבור מיט זיין „אלבאטראס.“

— אבער וויא אזוי? האט אנקעל פרודענט געפרעגט, וויא אזוי קענען מיר זיך דען נוקם זיין אן דיעזען ראבור?

— מיר מוזען זעהן גנב׳ענען א בלעך מיט דינאמיט, האט פיל עוואנס גע־ענטפערט, — עס געפינט זיך פיעל דינאמיט אויף׳ן „אלבאטראס“ ווען מיר זאלען קענען קריגען נור איין שאכטעל מיט דינאמיט, וואלטען מיר זיא אונטערגעווארפען אונטער דער מאשין און דער גאנצער „אלבאטראס“ מיט אונז, מיט ראבורן,* וואלט צוריסען געווארען אויף שטיקלעך.

— דאס א פלאן, אבער צוערשט מוזען מיר האבען דינאמיט, האט אנקעל פרודענט געענטפערט.

אונטערדעסען איז דער „אלבאטראס“ רוהיג ווייטער געפלויגען, באלד האט מען דערזעהן לאנד.

— ארגענטיניען, מיינע הערען! האט ראבור ערקלערט גאנץ רוהיג.

דער „אלבאטראס“ איז אבער ניט צוגעקומען צו ארגענטיניען, זאנדערן איז געפלויגען אויף׳ן אנטלאנטישען וועלט מעער נאך זידען. דער טאג איז געווארען אלע מאל קלענער, ווייל אין יענע געגענדען איז עס געווען ווינטער. אין ארגענטיניען איז ווינטער ווען אין פילאדעלפיא איז זומער. אין יולי זיינען אין ארגענטיניען דיא קירצעסטע טעג פון יאהר.

באלד איז דער „אלבאטראס“ אנגעקומען קיין פאטאגאניען. אנקעל פרו־דענט און פיל עוואנס האבען געזעהען וויא דאס גאנצע לאנד איז בעדעקט מיט טיעפען שנעע. לאנגזאם איז דער „אלבאטראס“ ארומגעפאהרען קאפ הארן, דעם

לעצטען פונקט פון זיד אמעריקא. דיא קעלט איז געווארען שרעקליך. ראבור האט גענגעבען זיינע געסט פערצען, זאנסט וואלטען זיי נים געקענט זיך ווייזען אויפ'ן דעק. דער נענער איז געלעגען אין קיך און האט זיך גאר נים געוואלט ווייזען.

דיא געגענד איז זעהר קאלט און זעהר שטירמיש. דאס מעער קאכט שטענ־דיג, וויא א קעסעל, דער „אלבאטראס" איז אבער, וויא צים טראץ, וויא אויף צו להכעיס, געפאהרען איבערן מעער און נים איבער לאנד. ער האט זיך יעצט געפר־נען איבערן זיד אייז מער, ים הקרח הדרומי, פון אטלאנטישען מעער איז ער אריינ־געפאהרען אין אייז מעער אום פון דארט ארויסצופאהרען אין שטילען וועלט מעער, אזוי האבען גערעכענט דיא רייזענדע געגען זייער ווילען, זיי האבען אבער א טעות געהאט. דער „אלבאטראס" איז געפאהרען צום זיד פאל.

13טעם קאפיטעל.

דיא ערשטע סטאנציאן.

דיא קעלט איז געווארען שרעקליך, אונערטרעגליך. ווען מיר ווייסען, אז ערשט מיט צוויי וואכען צוריק זיינען אונזערע רייזענדע געגען זייער ווילען געווען אין דא־האמעאי, איינס פון דיא הייסעסטע געגענדען אין אפריקא, און יעצט האבען זיי זיך געפונען אויף דעם זיד אייז מעער, וועלכער איז פיעל קעלטער, אלס דאס נארד אייז מעער, קען מען לייכט פערשטעהן, וויא שרעקליך זייא האבען יעצט געפיהלט דיא קעלט.

מיר מוזען אבער אויך זאגען, אז עס איז געווען א בעזונדערע קעלט. דאס קוועק זילבער און טהערמאמעטער איז פערפרארען געווארען און נור א מעטאלל־נעם טהערמאמעטער האט געקענט ווייזען דיא ריכטיגע גראדען פון קעלט.—עס איז געווען 65 גראד קעלט.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען בעמערקט, אז ראבור בעראטה זיך זעהר לאנג מיט דשארדש קערנס. מען האט געשיקט רופען דעם קאך און מען האט איהם געגעבען א בעפעהל. ער איז אריינגעגאנגען אין שפייז קאמער, האט זיך דארט געזוימט א גרוימע צייט און איז דאן צוריק געגאנגען צו ראבור.

— מיר דאכט, אז ראבור וויל ערגעץ נעהמען פרישען פראוויאנט פאר זיין מאשין, האט פיל עוואנס געזאגט צו אנקעל פרודענט.

— דאן וועט ער געווים בלייבען שטעהן ערגעץ אויף א אינזעל, האט אָנקעל פרודענט געזאגט, וויא צו זיך אליין, פיעלייכט וועלען מיר דארט קענען אנטלויפען.

— גלויבט עס ניט, אנקעל פרודענט! האט פיל עוואנס אויסגערופען, ווען דיזער טויגעניכטס, דיזער רויבער וועט ערגעץ בלייבען שטעהן אויף א אינזעל, וועלען מיר דארט געפינען אזעלכע באנדיטען, אזעלכע רויבער, וויא ראָבור מיט זיין באנדע. מיר וועלען פון דארט געווים ניט קענען אנטלויפען. מיר מוזען זעהן גנבע־נען דינאמיט און צורייסען דעם „אלבאטראָס".

אזוי וויא זיי האבען אזוי גערעדט, האט זיך דער „אלבאטראָס" אויסגעדרעהט און איז געפאָהרען קיין נאָרדען, אלזאָ אין ווארעמערע געגענדען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז דער „אלבאטראס" געפלויגען איבערן שטילען וועלט מעער. דער פרעזידענט און דער סעקרעטער פון וועלדאן קלוב האבען יעצט געהאט דיא געלעגענהייט צו בעטראכטען דיא געגענד, וואו דאס אייז מעער פעראייניגט זיך מיט'ן שטילען וועלט מעער. דיא וואסערן פון שטילען וועלט מעער זיינען געווען ווייס וויא מילך. דאס איז געווען שנעע און אייז פון אייז מעער. ווען זיי קומען אריין אין דיא ווארעמערע וואסערן פון שטילען וועלט מעער, הייבען זייא אָן צו שמאָלצען צו ווערן.

פלוצלונג האט דשארדש קערנס אויסגערופען:

— וואס איז דאס? וואס קען עס זיין דאָרט גאנץ ווייט אין נאָרדען? — איז עס א שטיין?

ראָבור האט א קוק געטאהן אין דער זייט, וואו דשארדש קערנס האט איהם געוויזען, און האט געזאגט:

— דאס קען ניט זיין, אין דיזער געפינט זיך קיין אינזעל און קיין שטיין אין מעער.

ער האט געהייסען, מען זאל איהם דערלאנגען זיין טעלעסקאָפּ, זיין גרויסען ספעקטיוו, און ער האט א קוק געטאהן אויף דעם פונקט אין מעער.

— עס איז א באָאט! האט ער געזאגט,—איך זעה זאגאר מענשען אין באאט.

— דאן מוזען עס זיינען מענשען, וועלכע האבען געליטען שיפברוך! האט דשארדש קערנס אויסגערופען.

— יא, דאס זיינען אונגליקליכע מאטראזען אדער פאסאזשירען פון א שיף, וועלכעס איז אונטערגעגאנגען און זיי האבען זיך גערעטעט אין באאט, האט ראבור געזאגט זייא ליידען געווים הונגער, דורשט און קעלט. איך מוז זייא רעטען. דער „אלבאטראס" טהאר ניט לאזען דיזע אונגליקליכע אהן הילף.

מיט דיזע ווערטער האט ער א מאך געטאהן מיט דער האנד און דער „אלבאטראס" איז געפלויגען מיט זיין גאנצער שנעליגקייט צום באאט. אין איינינע מינוט האט זיך דיא פאסאזשירען פון „אלבאטראס" פארגעשטעלט פאלגענדעס טרויעריגעס בילד. אין א גרויסען באאט אהן א זעגעל און אהן א רודער זיינען גע־זעסען פינף מענשען. זיי זיינען געזעסען רוהיג, פערשטיינערט, פערפראַרען, פערגלי־ווערט אדער פיעלייכט זיינען זיי נאר געשלאפען. אנקעל פרודענט האט איבערגע־לעזען אויפ'ן באאט דיא ווערטער: „זשאנעט" פון נאנט.

אלזא געהערט דאס באאט צום שיף „זשאנעט" פון דער שטאדט נאנט אין פראנקרייך, האט ער געמורמעלט.

— האללא! ווער זייט איהר? האט ראבור געשריען.

קיינער האט איהם ניט געענטווערט.

— שיעס אוים מיט א ביקס איבער זייערע קעפ! האט ראבור קאמאנדירט.

מען האט אויסגעשאסען מיט א ביקס איבער דיא קעפ פון דיא אונגליקליכע איינער פון זיי האט א ציטער געטאהן און האט געעפענט דיא אויגען.

— ווער זייט איהר? מיר זיינען געקומען אייך רעטען! האט ראבור געזאגט גאנץ הויך אויף פראנצויזיש.

— מיר זיינען דיא מאטראזען פון דעם זעגעל שיף „זשאנעט" האט דער מאן געענטפערט מיט א שוואכער שטימע. איך בין געווען ערשטער אפיציער אויף דער „זשאנעט". מיט פינפצעהן טאג צוריק איז אונזער שיף אונטערגעגאנגען און מיר האבען זיך געראטעט אין דיזעס באאט. זייט פינף טאג איז אונז אויסגעגאנגען וואַ־סער און לעבענס מיטעל.

יעצט האבען דיא איבעריגע פייער מאטראזען אנגעהויבען זיך צו ריהרען און אויסצושטרעקען דיא הענד צו ראבורן. זיי זיינען געווען אזוי שוואך, אז זיי הא־בען קוים געקענט ריהרען מיט זייערע גליעדער.

ראבור האט א וואונק געגעבען צו זיינע מענשען און זיי האבען אראפגעלאזען אין באאט אן עמער וואסער. דיא אונגליקליכע מאטראזען האבען זיך אווארף גע־טאהן אויף איהם און האבען איהם אין גאנצען אויסגעטרונקען. ווען זיי האבען גע־שטילט זייער דורשט, האבען זיי געבעטען, מען זאל זיי געבען ברויט. ראבור האט געהייסען זיי אראפלאזען אין א קארב: א פלאש שנאפס, צוויא לאבען ברויט און איינינע קאנסערווען.

ווען דיא אונגליקליכע שיפברוכיגע האבען געשטילט זייער הונגער און זייער דורשט, האט דער ערשטער אפיציער פון דער „זשאנעט" געפרעגט:

— וואו זיינען מיר ערגעץ אין דער וועלט?

— פערציג מייל פון דעם ברעג פון דער רעפובליק טשילי, האט ראבור געענטפערט.

— וויא אזוי קענען מיר צוקומען צו א ברעג, ווען מיר האבען קיין זעגעל?

— מיר וועלען אייך בוגסירען (שלעפען מיט א שטריק), האט ראבור געענטפערט.

— ווער זייט איהר?

— מענשען, וועלבע ווילען טאהן זייער פפליכט, האט ראבור געענטפערט און האט א וואונק געטאהן צו דשארדש קערנס.

מען האט אראפגעלאזען א שטריק פון „אלבאטראס". דיא שיפבריכיגע האבען צוגעבונדען דעם שטריק צו זייער באאט און דער „אלבאטראס" האט אנגעהויבען עס צו שלעפען. ווען דאס באאט איז צו געקומען צו דער ערשטער אינזעל אין טשילי, האט ראבור געהייסען, זיי זאלען אפבינדען דעם שטריק. דיא מאטראזען פון דער „זשעאנעט" האבען געדאנקט ראבורן און אלע מענשען אויפ'ן „אלבאטראס" און זיינען ארויפגעשפרונגען אויפ'ן ברעג.

ראבור האט זאגאר ניט געוואלט הערען זייער דאנק. ער האט א וואונק געטאהן צו זיין אינזשענער און דער „אלבאטראס" איז ווייטער געפלויגען איבערן שטילען וועלט מעער. דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז ער צוגעקומען צו אן אינזעל. אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען געזעהן, וויא מען האט אראפגעלאזען אן אנקער אויף א קייט. דיא שארפע צעהנער פון אנקער האבען זיך איינגעגראבען צווישען שטיינער. דער „אלבאטראס" איז געבליעבען קעניגען אין דער לופט, וויא א שיף, וועלכעס הענגט אין וואסער צוגעבונדען צום אנקער, פעראנקערט.

דאס איז געווען דיא ערשטע סטאנציאן, זייט זייא זיינען ארויסגעפאהרען פון פילאדעלפיא, איז דער „אלבאטראס" צום ערשטען מאל געבליעבען שטעהן.

14טעס קאפיטעל.

דער פרעזידענט און דער סעקרעטער פון וועלדאן קלוב אנטלויפען פון „אלבאטראס."

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען געזעהן פון דעק, אז דיא אינזעל ביי וועלבע דער „אלבאטראס" איז געבליעבען שטעהן, איז ניט גרויס, נאך זייער בע-

רעבענונג האָט זיא געדאַרפט האַלטען נור פונפצעהן מייל דיא לענג און דיא ברייט. —וואו געפינט זיא זיך אָבער? וואו זיינען זיי יעצט?—דאס איז געוועזן אונמעגליך צו וויסען. אין שטילען וועלט־מעער געפינען זיך זעהר פיעלע אינזלען און גאנצע גרופּען פון אינזלען.

מען האָט געזעהן בערג אויף דער אינזעל, אָבער קיינע מענשען. זאָל עס זיין א ווייסטע אינזעל? פיעלייכט וואָהנען דאָ ווילדע מענשען, וועלכע האָבען זיך דערשראָקען, ווען זיי האָבען דערזעהן דיא פליה מאשין? — זיי האָבען זאָגאר ניט געוואָלט פרעגען ראָבורן וואו זיי זיינען און וויא לאנג זיי וועלען דאָ שטעהן, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אז ער וועט זיי ניט ענטפערן. זיי האָבען אלזאָ געמוזטווארטען און זעהן וואס ווייטער וועט זיין.

ראָבור און דשארדש קערנס האָבען אונטערזוכט יעדען פליגעל פון „אַלבאַטראָס“ און יעדע שרויבע. אייניגע האָט מען געמוזט אויסבעסערן, זיי זיינען עפּעס פערדאָרבען געוואָרען אין דער צייט פון דעם גרויסען שטורם אויפ׳ן זיד אייזמעער. ראָבור האָט געוויזען זיינע מענשען וואס מען דארף טאָהן און אלעס איז געטאָהן געוואָרען רוהיג, אָהן לארם און אָהן פיעל געשריי. יעדער האָט געקענט זיין ארבייט און האָט זיא געטאָהן מיט פערגניגען.

אָנקעל פּרודענט און פיל עוואנס האָבען געזעהן מיט שמערץ און פערדרוס, אז ראָבור דענקט גאָר ניט זיך אראפּלאָזען אויף דיא אינזעל און זיי האָבען ווידער אָנגעהויבען צו רעדען פון זייער פּלאַן צו בעקומען א שאכטעל דינאמיט און אויפצורייסען דעם „אלבאטראָס.“ אזוי וויא אַלע מענשען פון „אלבאטראָס“ זיינען יעצט געווען בעשעפטיגט, האבען דיא רייזענדע געגען זייער ווילען גערעכענט, אז יעצט איז דיא בעסטע צייט צו בעקומען דינאמיט. זיי האבען זיך געלאָזען געהן צום מאגאזין וואו עס האבען זיך געפונען דיא מאטעריאלען. פּלוצלונג זיינען זיי געבליעבען שטעהן און האבען זיך צוגעהערט. אין שטיבעלע, וואו דער שטיגער מאן זיצט בעשטענדיג, האָבען יעצט גערעדט צוויי בעקאנטע שטימען.

— מיר זיינען פיעל נעהנטער צו דער אינזעל איקס, וויא איך האב גערעכענט, האט ראָבור געזאָגט.

— וויא ווייט איז עס דען? האט דשארדש קערנס געענטפערט.

— ניט מעהר וויא צוויי טויזענד אכט הונדערט מייל.

— דאס איז א ווייטער וועג, האט דשארדש קערנס בעמערקט,—מיר מוזען אויסבעסערן ביידע שרויבען. אויסער דעם געהט אוים אונזער פּראָוויאנט.

— דארום מוזען מיר זיך אײלען, האט ראָבור געזאָגט, מיר קענען אויסבע־טערן דיא צווייטע שרויבע אויפ׳ן וועג.

— אָבער דיא פרעמדע....? האט קערנס געפרעגט.

— זיי וועלען זיין צופריעדען מיט אונזער אינזעל, האט ראָבור געענטפערט.

מעהר האבען זיי ניט געקענט הערען, אבער וויא פיעל זייא האבען געהערט איז געװעזען גענוג פאר זיי. יעצט האבען זיי געוואוסט, אז ראָבור האט ערגעץ אויס־געזוכט א אינזעל אין שטילען וועלט מעער, וואו ער וואוינט, וואו ער נעהמט פראָ־וויאנט און אלעס, וואס ער דארף אויף זיין „אלבאטראָס״. צו דיזער אינזעל וויל ער זיי פיהרען. ער מוז יעצט פאָהרען אהין, ווייל ער מוז האבען לעבענס מיטעל און זיין מאשין איז עפּעס ניט ארדנונג.

— וואס טהוט מען יעצט? האט אָנקעל פּרודענט געפרעגט.

— מיר מוזען אויספיהרען אונזער פּלאַן, האט פיל עוואנס געענטפערט.

— אָבער וואו נעהמט מען דינאמיט?

— מיר מוזען עס היינט קריעגען.

— איך וועל געהן אין מאגאזין זוכען דינאמיט, האט פיל עוואנס געזאָגט. מיר דאכט, אז ער איז ניט פערשלאָסען.

— ניין, איך וועל געהן, האט אנקעל פּרודענט געבעטען, איהר זייט צו היציג, איהר קענט נאך אלעס פערדארבען.

מיט דיזע ווערטער איז ער אוועקגעגאנגען שטילער הייט, וויא א גנב. אין א פיערטעל שטונדע איז ער צוריק געקומען און האט געזאגט שטילערהייט צו פיל עוואנס:

— איך האָב, וואס מיר דארפען.

— אלזאָ לאָמיר....

— ניין! לאָמיר ווארטען ביז הייטע אבענד, ווען דער אלבאטראס וועט זיך געפינען איבער דעם וועלט מעער.

זיי זיינען יעצט אריינגעגאנגען אין זייער קאיוטע און פיל עוואנס האט גע־קענט בעטראכטען, וואס אנקעל פּרודענט האט איהם געבראכט. דאס איז געװעזען א קליינע באָמבע, וועלכע האט געהאט אין זיך געגען א פונט דינאמיט, דאס הייסט גענוג דינאמיט אויפצורייסען דעם גאנצען „אלבאטראָס״ מיט אלע זיינע מאשינען, מיט אלע זיינע מענשען. אום צוא מאכען, אז דאס דינאמיט זאל עקספּלאָדירען, האט מען געמוזט געברויכען אן עלעקטרישען פונק, אדער א וואָרף טאהן דיא באָמ־בע אויף א הארטע זאך.

— אַ'ן עלעקטרישען פונק האבען מיר ניט, האט פיל עוואנס געזאָגט, וואַרפען דיא באָמבע אויף א הארטע זאַך איז אויך ניט לייכט, ווייל אלעס אויפ'ן „אַלבאַטראָס" איז ווייך. אַלזאָ וואס טהוט מען?

— איך האב שוין דעריבער געטראַכט, האט אָנקעל פרודענט געענטפערט, מיר וועלען גנבענען אין קיך אַן אייזערנע פאַן, וועלען זיא אַניעדערשטעלען אויפ'ן באָדען און וועלען א שליידער טאהן דיא באָמבע אין דער פאַן.

עס איז געוואָרען מיטאג און אלע זיינען געגאנגען עסען. דער פרעזידענט און דער סעקרעטער פון וועלדאַן קלוב האבען געגעסען מיט אפעטיט, גלייך וויא זייא וואלטען גאָר ניט אין זין געהאט היינט צו שטארבען צוזאמען מיט אלע מענשען, וועלכע האבען זיך געפונען אויפ'ן „אַלבאַטראָס".

פאר נאכט איז אלעס פערטיג געווען. דער „אַלבאַטראָס" האט געדארפט זיך ווידער אויפהויבען און אנהויבען צו פליעהען קיין נארדען. אנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען ניט ארויסגעגאנגען אויפ'ן דעק. זיי זיינען געווען זיכער, אז דער „אַלבאַטראָס" פליעהט שוין און זייא האבען געווארט, ביז אלע וועלען אנטשלאָפען ווערן.

דיא צייט איז פערגאנגען לאנגזאם, זעהר לאַנגזאם. עס איז געווען א קאלטע פינסטערע נאכט. שווערע, שווארצע וואָלקענס האבען בעדעקט דעם הימעל און נור פון צייט צו צייט האט מען געקענט זעהן אויף אייניגע אויגענבליק דעם שיין פון דער לבנה. געגען האלבע נאכט האט פיל עוואנס געזאָגט:

— יעצט איז עס צייט! קומט!

זיי זיינען ארויסגעגאנגען אויפ'ן דעק און האבען זיך אומגעקוקט. דער „אַלבאמראס" איז געשטאנען אויף איין אָרט, פעראנקערט, פעסט צוגעבונדען.

— וואָס טהוט מען יעצט? האט אנקעל פרודענט געפרעגט.

— אויספיהרען אונזער פלאַן, האט פיל עוואנס געענטפערט.

— אָבער וויא אזוי? ווען דער „אַלבאַטראָס" שטעהט אויף איין אָרט, לעבען אן אינזעל און ניט אין מעער, לוינט דאך ניט אויסצופיהרען אונזער פלאַן, האט אנקעל פרודענט געזאגט טרויעריג, עס קען דאך זיין, אז ראָבור וועט בלייבען לעבען און מיר וועלען שטארבען.— אויסער דעם האב איך דער ווייל נאך קיין מיטעל צו מאכען, אז דאס דינאמיט זאָל עקספּלאָדירען: איך האב נאך קיין אייזערנע פאן.

— מיר מוזען זיין בערייט אויף אלעס, האט פיל עוואנס געזאגט, יעצט איז דיא בעסטע צייט, לאָמיר ארויסגעהן אין קיך און זעהן עפעס צו קריעגען.

זייא זיינען אריינגעגאנגען אין קיך און האָבען געזוכט. דער קאָך האָט אַלעס בעהאַלטען, זייא האָבען געפונען נאָר א שאַכטעל צינדהעלצלעך אונד א געלאָדענע ביקס.

אָנקעל פרודענט האָט האַסטיג געכאַפּט דיא ביקס און דיא צינדהעלצלעך.

— צו וואָס דאַרפט איהר זייא? האָט פיל עוואַנס געפרעגט.

— יעצט האָב איך אַ גוטעס מיטעל צו פערניכטען דעם אַלבאַטראָס אונד אונזער פיינד ראָבור.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? האָט פיל עוואַנס געפרעגט פערוואונדערט, — אין פערשטעה אייך ניט.

— איך וועל עס אייך באַלד ערקלערען, האָט אָנקעל פרודענט געזאָגט, איך וועל צו רייסען אַ העמד אויף דינע פאַסען, וועל אויסדרעהן פון זיי א שטריק דאַן וועל איך ארויסנעהמען דאס פולווער פון דער געלאַדענער ביקס אונד וועל עס אויסשיטען לעבען לאָך פון דער דינאַמיט באָמבע. איך וועל אנצינדען דעם שטריק און איהם לאָזען ברענען לאַנגזאַם, ווען דער פייער וועט צו קומען צום פולווער, וועט זיך דאס פולווער אָנצינדען און דאס דינאַמיט וועט עקספּלאָדירען אונד צו רייסען דעם „אַלבאַטראָס.“

— בראַוואָ! האָט פיל עוואַנס אויסגערופען און האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען פאַר פרייד.

— נור רוהיג! נור קאַלטבלוטיג! האָט אָנקעל פרודענט געבעטען. לאמיר פריהער זעהן, וואָס עס טוט זיך אויף'ן „אַלבאַטראָס“ ביי נאַכט.

— זיי זיינען ארומגעגאַנגען איינינע מינוט אויף'ן דעק. פלוצלונג איז א גאַנץ נייער געדאַנק געקומען אָנקעל פרודענט אין קאָפּ. ער האָט אריינגעשלעפּט פיל עוואַנס אין זייער קאַיוטע און האָט געזאָגט צו איהם:

— הערט מיך אויס אויפמערקזאַם, פיל עוואַנס! צו וואָס זאָלען מיר שטאַרבען, ווען מיר קענען לעבען?

— אין געפאַנגענשאַפט בייא דעם פערדאַמטען ראָבור?

— ניין, לעבען און פריי זיין! האָט אָנקעל פרודענט געזאָגט ערנסט.

— אָבער וויא אזוי?

— מיר זאָלען זיך אראָפּלאָזען אויף'ן שטריק פון דעם אנקער אויף דיא אינזעל אונטען, האָט אָנקעל פרודענט געענטפערט פעסט ענטשלאָסען, דענקט איהר, אז עס וועט אונז שווער זיין ארומצונעהמען דעם שטריק און זיך לאַנגזאַם אראָפּצולאָזען?

— אָה, ניין ! האָט פּיל עוואַנס אויסגערופען, דאָס איז א קליינינקייט ! איך וועל עס טאָהן מיט פערגעניגען, אָבער... ?

— וואָס אָבער ?

— איך וועל מיך דאָך נוקם זיין אָן דיעזען פערדאַמטען ראַבור ! האָט פּיל עוואַנס אויסגערופען.

— יעצט קענען מיר עס זעהר לייכט טהאָן, האָט אַנקעל פּרודענט געזאָגט.

— מיר וועלען מאכען א שטריק פון א העמד, א לאַנגען שטריק, וועלען איהם אָנצינדען און לאָזען לאַנגזאם ברענען, ריכטיגער געזאָגט, ניט ברענען זאָנדערן זיך רויכערען, ווען דאָס פייער וועט צוקומען צום פולווער. דאָס קען דויערן א האלבע שטונדע, אין דיעזע האלבע שטונדע קענען מיר זיך אראָפּלאָזען אויפ'ן שטריק פונ'ם אנקער צו דער אינזעל. מיר וועלען דאַן זיין זיכער און דער „אלבאַטראָס" מיט ראָבורן, מיט אלע זיינע מענשען וועלען צוריסען ווערען אויף שטיקלאך.

— בראַוואָ ! גראַסאַרטיג ! האָט פּיל עוואַנס אויסגערופען.

זיי האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט פּיל עוואַנס האָט אויסגעטאָהן זיין העמד, האָט זיא צושניטען אויף דינע פאַסען אָדער שטרייפען, האָט פון זיי אויסגעדרעהט א לאַנגען שטריק און האָט איהם אויסגעלעגט אויף דעם באָדען פון זייער קאיוטע אין איינינע ערטער פון שטריק האָט ער ארייגעפלאָכטען עטליכע קערנער פולווער, אום דער שטריק זאָל בעסער ברענען.

אין א פיערטעל שטונדע איז דיא ארבייט פערטיג געוואָרען אין אָרדנונג, פיל עוואַנס האָט אָנגעצונדען איין עק פון שטריק אוןביידע זיינען יעצט ארויסגעגאַנגען אויפ'ן דעק.

— מיר מוזען אויך רעטען אונזער נעגער, האָט אַנקעל פּרודענט געזאָגט.

זיי זיינען געגאַנגען אין דער קאיוטע, וואו דער נעגער בראַון פלעגט שלאָפען, דיא קאיוטע איז געווען ליידיג.

— וואָס זאָל דאָס הייסען ? האָט אַנקעל פּרודענט געפרעגט, וואו איז אהינגעקומען מיין געטרייער בראַון ?

— מיר האָבען קיין צייט איהם צו זוכען, האָט פיל עוואַנס געזאָגט, — קומט ! שנעלל ! מיר מוזען ענטלויפען !

— זיי זיינען האסטיג צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו עס האָט זיך געפונען דער שטריק, אויף וועלכען דער אנקער איז געגאַנגען. לעבען איהם איז גע־

שטאנען א מאן, א וואך, וועלכען ראבור האט געשטעלט, ער זאָל מעלדען אלעס, וואָס עס וועט פאָרקומען.

וויא צווייווילדע טיגער האָבען זיי זיך ארויפגעוואָרפען אויף דיא וואך, האָבען אים א זעץ געגעבען איבערן קאָפּ, אז ער איז געבליעבען ליגען צומישט און בעטויבט, דאן האָט איינער נאָכ׳ן אנדערן אָנגעכאפּט דעם שטריק פון אנ־קער מיט ביידע הענד, האָט ארום איהם ארומגעדרעהט דיא פיס און האָבען זיך אראָפּגעלאָזען.

— יעדער געבאָרענער אמעריקאנער קען קלעטערן, וויא א קאץ, און זיך אראָפּלאָזען צוויי—דריי הונדערט פוס אויף א שטריק איז ביי איהם א קלייניג־קייט. אין איניגע מינוטען איז אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס געווען אונטען. זיי האָבען זיך געשטעלט אויף דיא שטיינער, אָן וועלכע דער אנקער האָט זיך געהאלטען.

אונטע׳ר דעסען איז דער מאן, וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך, געקומען צו זיך און האָט געמאכט א ליארם. ראבור און דזשאָדזש קערנס זיינען באלד ארויסגעלאָפען אויפ׳ן דעק.

—הערט מיך אויס, ראבור! האָט אָנקעל פרודענט אויסגערופען,— איהר מיט אלע אייערע מענשען, מיט אייער מאשין געפינען זיך אין א גרויס געפאהר, ווילט איהר אונז געבען אייער וואָרט, איהר זאָלט אונז ניט נאָכיאָגען און זאָלט ניט פערלאנגען, מיר זאָלען צוריק קומען צו אייך? ווילט איהר ווייטער אונז צו שיקען מיין נעגער? — ווען איהר ווילט עס, וועלען מיר אייך אויסזאָ־גען, וואו דיא געפאהר געפינט זיך און איהר וועט זיין גערעטעט; ווילט איהר עס אָבער ניט, זייט איהר מיט אייער מאשין פערלאָרען.

— איהר זייט מיין געפאנגענער און מוזט עס בלייבען, האָט ראבור געענט־פערט שטאָלץ און האָט אויסגעשאָסען.

— זיין קוגעל האָט אָבער ניט געטראָפען: אין דער פינסטער איז שווער צו ציעלען.

— קאפּיטאן ראבור! איך פרעג אייך נאָך א מאָהל, ווילט איהר ארויס־לאָזען מיין נעגער און זיך אוועקפאָהרען, וואוהין איהר ווילט?

— אויף קיין פאל! האָט ראבור געענטפערט און האָט ווידער אויסגע־שאָסען.

אָנקעל פרודענט האָט ארויסגעחאפּט זיין מעסער און האָט האסטיג אָ־

בערגעשניטען דעם שטריק פון דעם אנקער. דער „אלבאטראס“ איז אוועקגעפלויגען, וויא א פויגעל, וועלכער רייסט זיך אוים פון שטייג.

אַנקעל פּרודענט און פיל עוואנס האַבען אַנגעהויבען צו שפּרינגען פון איין שטיין אויפ'ן אנדערן און אין איין מינוט זיינען זיי געווען אויף דער אינזעל.

— אַנקעל פּרודענט! העדר! מאַסטער! מאַסטער! האָט א שטימע גערופען.

— בראון, דו ביזט עס? וויא קומסט דוא אהער? האָט אַנקעל פּרודענט געפרעגט ערשטוינט.

— איך האָב געהערט, וויא איהר האָט אָפּגערעדט מיט מיסטער עוואנס אויפצורייסען דעם „אלבאטראָס“ מיט דינאמיט, האָט דער נעגער געענטפערט, איך האָב מיר געדאכט, ווען איהר און מיסטער עוואנס ווילען שטארבען, מעגען זיי עס טאָהן, ווען זיי האָבען דערפון פערגעניגען, איך אָבער וויל ניט שטארבען, פאר מיר איז עס קיין פערגעניגען. ווען עס איז געוואָרען פינסטער און אלע מענשען אויף'ן 'אלבאטראָס“ האבען געגעסען, בין איך ארויסגעגאנגען שטילערהייט און האָב מיך אראָפּגעלאָזען אויפ'ן שטריק פון דעם אנקער.

בראוואָ, בראון! דוא ביזט אן עכטער אמעריקאנער! האָבען אַנקעל פּרודענט און פיל עוואנס אויסגערופען מיט איין שטימע. — יעצט קום!

זיי האָבען זיך געפיהלט גליקליך, ווען זיי האָבען אנגעהויבען צו טרעטען אויף פעסטעם לאנד, אויף דער מוטער ערד. דער מענש הייסט א קינד פון דער ערד, ער קען ניט לעבען אָהן דער ערד, ער פיהלט זיך ניט אין דער היים, ווען ער פאָהרט אויף א שיף. ער פיהלט זיך ניט גוט, ווען ער איז ווייט פון דער ערד: ער פיהלט זיך נור דאן גוט, ווען ער קען אַנריהרען מיט זיינע פים דיא ערד.

15טעם קאפיטאל.

דער „אלבאטראָס“ ווערט צוריסען.

ווען אַנקעל פּרודענט האָט איבערגעשניטען דעם שטריק פונ'ם אנקער, האָט דער „אלבאטראָס“ אזא שפּרונג געטאָהן, אז ראבור און אלע זיינע מענשען זיינען אנידערגעפאלען און זיינען אייניגע אויגענבליקע געבליעבען ליעגען, וויא פערשטיינערט. דער „אלבאטראָס“ איז געפלויגען און האָט זיך געוואָרפען, ווי א פערוואונדעטער אדלער. ראבור איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך. ער האָט אויפגעשפּרונגען און האָט אויסגערופען:

— זיי זיינען אנטלאָפען פון „אלבאטראָס“, דיא טויגעניכטסע! איך וועל זיי

אנגלערנען! זיי געפינען זיך אויף דער טשאטהעם אינזעל, 971 מייל פון נייזעע לאנד. דיזע אינזעל געהערט צוואר צו ענגלאנד, אבער נור איין מאל אין יאהר קומט אהין אן ענגלישעס שיף. ביז דאמאלס וועל איך צוריק קומען און וועל זיי ווידער האפען. זיי קענען ניט אנטלויפען פון מיר. אין צוועלף שטונדען וועלען מיר אויסבעסערען דעם „אלבאטראס" און איך וועל צוריק קומען צו דער אינזעל. איך וועל זיי האבען טוידט אדער לעבעדיג.

ער איז אויפגעשפרונגען, האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן זיינע מענשען.

— דזשארדזש, האט ער געזאגט צו זיין ערשטען אינזשעניר, — דזשארדזש, צו דער ארבייט!

דזשארדזש קערנס האט אנגעהויבען צו ערקלעהרען זיינע מענשען, וואס זיי זאלען טאהן. ווען זיי האבען זיך גענומען צו דער ארבייט, האט ער אנגעהויבען איינצוהאלטען דעם „אלבאטראס", וועלכער איז נאך אלץ געפלויגען און געשפרונגען ווילד ווי א פערד, וועלכעס האט זיך אויסגעריסען פון די הענד פון קוטשער.

— זיי קענען ניט אנטלויפען פון מיר, האט אונטערדעסען ראבור געזאגט צו זיך אליין, איך וועל זיי ברענגען און וועל זיי ברענגען אויף מיין איקס אינזעל, דארט וועלען זיי ווערן קאלאניסטען און וועלען איינזעהען, אז עס איז פיעל בעסער צו וואוינען אויף אן איינזאמער אינזעל, אלס אין דער גרויסער שטאדט פילאדעלפיא.

אין א שטונדע איז דער הינטערשרויבער געווען אויסגעבעסערט, אלע צוויי און דרייסיג פליגעל פון „אלבאטראס" האבען ווידער אנגעהויבען צו ארבייטען רעגעלמעסיג. קיינעם איז ניט איינגעפאלען אז ערגעץ אין א ווינקעלע רויכערט זיך א שטיקעל לייוואנד, וועלכע וועט פערניכטען און צורייסען דעם „אלבאטראס" מיט אלע זיינע מאשינען, מיט אלע זיינע זאנדערבארע ערפינדונגען. עס איז וואהר אז דיזעס ווינקעלע, די קאיוטע, וואו אנקעל פרודענט און פיל עוואנס פלעגען שלאפען, איז געווען זעכציג פוס ווייט פון דער הויפט מאשין פון „אלבאטראס". ראבור האט קיין מאהל ניט געברויכט צו פיעל זיינע געסט און ער האט זיי שטענדיג געהאלטען ווייט פון זיך, פון דעסטוועגען איז די געפאהר געווען זעהר גרויס און ראבור האט דערפון ניט געוואוסט.

— דער ווינד האט זיך געענדערט, דער הימעל ווערט דונקעלער, איך דענק, אז מיר וועלען באלד האבען רעגען, האט דזשארדזש קערנס געמעלדעט.

— דאָס מאכט ניט, האָט ראָבור געזאָגט; ווען אַלעס איז נור פערטיג זאָלען מיר צוריק פאָהרען צו דער אינזעל טשאטהעם און צוריק נעהמען אונזערע געפאנגענע.

— פיליייכט האָבען זיי אונטערדעסען זיך בעקענט מיט דיא האלב־ווילל־דע מענשען פון דער אינזעל און זיי ווערען זיך שטעלען געגען אונז? האָט דזשאָרדזש קערנס בעמערקט.

— דוא זאָגט עס, מיין גוטער דזשאָרדזש? האָט ראָבור אויסגערופען — דוא ווייסט דאָך, וואָס פאר א מיטעל וואָס פאר מאשינען מיר האָבען אויף אונ־זער „אלבאטראָס". דוא ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אז מיר קענען פערניכטען א גאנ־צע אַרמעע פון ווילדע אָדער האלב ווילדע מענשען.

— איך ווייס עס, אָבער...

אין דיעזער מינוט איז צו זיי צוגעקומען טאפאזש. דער קאָך, און האָט געזאָגט:

— מיינע הערען, הערט איהר ניט עפּעס א גערוך פון פייער, פון „סמאַ־לינע"?

דזשאָרדזש קערנס און ראָבור האָבען אָנגעהויבען צו שמעקען מיט דער נאָז.

— מיר דאכט, אז איך פיהל דעם גערוך פון קליידער, וועלכע ווערען לאנג־זאם פערברענט, האָט דזשאָרדזש קערנס געזאָגט.

— לאָמיר זוכען! האָט ראבור אויסגערופען, — עס קען זיין, אז דיעזע טייפעל האָבען אונטערגעצונדען דעם „אלבאטראָס". אויף אן אמעריקאנער איז אלעס צו גלויבען.

— ווען עס זאָל נור זיין פייער, האָט דזשאָרדזש קערנס געזאָגט אונרוהיג, געגען פייער אליין קענען מיר זיך נאָך שיצען.

ער און ראָבור האָבען געוואָלט געהן צו דער קאיוטע, וואו אָנקעל פּרו־דענט און פיל עוואנס האָבען געוואוינט, און זעהן, וואָס דאָרט טהוט זיך, אָבער קוים האָבען זיי געמאכט צוויי שריט, האָט עס געגעבען א שרעקליכען קנאק, דיא עלעקטרישע ליכט האָבען זיך אויסגעלאָשען און עס האָט א שליידער געטאָהן מיט'ן „אלבאטראָס", אז מען האָט אין דער ערשטער מינוט ניט געקענט וויסען, אויב ער פאלט אריין אין מעער, אָדער ער פליהט אויפ'ן הימעל. ראָבור און אַלע זיינע מענשען זיינען אומגעפאלען און האָבען זיך צושלאָגען אָן דיא ווענט פון דיא קאיוטען.

איינינע מינוטען זיינען אלע געלעגען, וויא טויטע. ערשט ווען זיי האָבען דערפיהלט וואסער ארום זיך, זיינען זיי אויפגעשפרונגען. דער „אלבאטראָס" איז אריינגעפאלען אין מעער און דיא וועללען (כוואליעס) האָבען אָנגעהויבען צו שפריצען אויפ'ן דעק און צו בענעצען דיא געזיכטער פון דיא מענער פון „אלבאטראָס". אלע האָבען זיך אויפגעכאפט מיט א מאָל, אלע זיינען אויפגעשפרונגען.

— מיר זיינען פערלאָרען! האָט געזאָגט איינער.

— ניין! מיר זיינען גערעטעט! האָט ראָבור אויסגערופען, — זאָ לאנג צוויי פליגעל און איין שרויבע פון „אלבאטראס" ריהרען זיך נאָך, זיינען מיר ניט פ לאָרען. — שטעהט אויף, אלע! לאָמיר זעהן, וואָס עס טהוט זיך ארום אונז! פרוביר אָנצינדען דיא עלעקטרישע לעמפלאך, דזשאָרדזש!

אין דער פינסטער, אויפ'ן נאסען דעק איז דזשאָרדזש קערנס געגאנגען זוכען דיא עלעקטרישע באטרעע און צו זיין פרייד און צום גליק פאר אלעמען, איז עס איהם געלונגען אָנצוצינדען צוויי עלעקטרישע לעמפלאך.

יעצט האָבען זיי וועניגסטענס געקענט זעהן, וואו זיי זיינען ערגעץ אין דער וועלט און וואָס עס טהוט זיך ארום זיי.

ערשט יעצט האבען זיי געקענט זעהן, אז דער „אלבאטראָס" שווימט אין מעער. ער האט ניט געקענט אונטערגעהן, ווייל ער איז פיל לייכטער פון וואסער, ער איז דאהער געשוואומען, וויא עס שווימט א פערוואונדעטער וואסער פויגעל: לאנגזאם, אָהן א צוועק, אָהן א ציעל און פון צייט צו צייט גיט ער זיך א וואָרף, גלייך וויא ער וויל זיך אויפהויבען און אוועקפליהען.

דער הינטעסטער טהייל פון „אלבאטראָס" איז אָפגעריסען געוואָרען אין גאנצען און איז ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען. דאָס איז געווען דער טרעהל, וואו דיא באָמבע האָט געפלאצט, דאגעגען אָבער איז דער פאָרדעסטער טהייל געבליעבען גאנץ. אינדיעזען טהייל האָבען זיך געפונען אלע מאשינען און אלע מאטעריאלען, פון דער עקספלאָזיאָן זיינען עטליכע עלעקטרישע באטרעען אזוי צו שאָקעלט און צו טרייסעלט געוואָרען, אז זיי האָבען ניט געקענט ארבייטען, מען האָט אָבער געקענט צורעכט מאכען. אכט פליגעל און דיא הינטערסטע שרויבע זיינען פערשוואונדען געוואָרען.

ראָבור איז געווען אויסער זיך פאר שמערץ און פערדרוס, אָבער ער איז ניט געווען א מענש, וועלכער זאָל פערצווייפלען אָדער זאָל זיך בעקלאָגען. ער האָט זיך יעצט אליין גענומען צו דער ארבייט. אזוי וויא אלע אינסטרומענטען

זיינען געבליבען גאנץ, האט ער מיט זיינע מענשען געקענט ארבייטען און רעפאַ־רירען דעם שאדען

— אין צוויי שטונדען ארום וועט טאָג ווערען, האָט ראבור געזאָגט,ביי טאָג וועלען מיר בעסער קענען זעהן, וויא צו ארבייטען און וואָס צו טאָהן.יעצט מוזען מיר זעהן, אז דער „אלבאטראָס“ זאָל קענען זיך האלטען איבערן וואסער, ווען אויך נור צעהן פוס הויך איבערן וואסער, און דאָס איז מעגליך, ווייל ער האָט נאָך פיער און צוואנציג גאנצע פליגעל און איין שרויבע, דיא הויפט שרויבע.

דאָס לעבען איז ליעב, דאָס לעבען איז זיס, ראָבור מיט זיינע מענשען האָבען געארבייטעט, וויא זיי האָבען געקענט. צו ערשט האָבען זיי געבראכט אין ארדנונג אלע עלעקטרישע באטערעען, אז אלע לעמפּלעך זאָלען ברענען. דאן האָבען זיי בעטראכט יעדען פליגעל און האָבען אויסגעבעסערט, וואס זיי האָ־בען געקענט.

ווען עס איז טאָג געוואָרען, איז דער „אלבאטראָס“ אזוי ווייט געווען אויס־געבעסערט, אז ער האָט ווידער געקענט פליהען, ניט אזוי שנעל, וויא פריהער, אָבער נאָך גענוג שנעל אום צו קענען צופליהען ערגעץ אין א פּאָרט, צוא א סטאציאָן.

אלע זיינען אָבער געוון אזוי מיעד און אזוי הונגעריג, אז ראָבור האָט געהייסען דעם קאָך מאכען דעם פריהשטיק. דער קאָך איז אוועק געגאנגען און איז באלד צוריק געקומען מעט דער טרויעריגער נאכריכט, אז ער האָט קיין פּראָ־וויאנט. דיא פּראָוויאנט־קאמער איז פערשוואונדען געוואָרען מיט דעם הינטער־סטען טהייל פון „אלבאטראָס“.

דאָס איז געווען א נייער שלאָג פאר ראָבור. ווען מענשען זיינען הונגעריג און דורשטיג, קענען זיי ניט ארבייטען.

— וואו געפינען מיר זיך יעצט? האָט דזשאָרדזש קערנס געפרעגט.

— דאָס וועל איך וויסען, ווען עס וועט זיין פּונקט צוועלף אוהר, האָט ראָבור געענטפערט, יעצט איז דיא פראגע, וואו נעהמט מען עפּעס צו עסען?

— מיר וועלען מוזען כאפּען פיש, האָט דער קאָך בעמערקט.

דזשאָרדזש קערנס האט א לאַך געטהאָן. עס איז געווען א ביטערער גע־לעכטער, א טרויעריגער געלעכטער, א געלעכטער פון פערצווייפלונג.

—מיינט איהר ווירקליך, אז מען קען כאפּען פיש אין מעער, וואו מען וויל? האָט ער געפרעגט, ווייסט איהר ניט, אז עס זיינען דאָ ערטער אין מעער,

וואו איהר קענט ניט קריגען א פיש, וויא אין דער וויסטע סאכארא ? קענט איהר דען האבען הערינג, ווען איהר ווילט און וואו איהר ווילט ? ווייסט איהר דען ניט, אז געוויסע סארטען פיש קען מען קריגען נור אין געוויסע צייטען ? ווייסט איהר דען ניט, אז דיא פישער מוזען א מאל ווארטען מאנאטע לאנג, ביז זיי וועלען קענען כאפען פיש ? — דאס מעער איז וויא דאס לאנד. קענט איהר קריגען א לייב אין רוסלאנד, אן אייז בעער אין אינדיען, א טיגער אין קאנאדא ? אין מעער געפינען זיך אויך געוויסע פיש אין געוויסע געגענדען. אם מייסטען געפינען זיך פיש ארום אינזלען אדער אין א געגענד, וואו עס שטעקען ארויס פון מעער שטיינער, פעלזען און שפיצען פון בערג.

דזשארדזש קערנס וואלט געווען ווייטער גערעדט און ווייטער ערקלערט, ווען ראבור זאל איהם ניט געווען אונטערברעכען.

— מיר מוזען פאהרען אויף אונזער איקס אינזעל, האט ראבור געזאגט פעסט ענטשלאסען. — איך האב גענוי אונטערזוכט דיא מאשינען און איך האב געפונען, אז מיר קענען נאך פאהרען מיט דער שנעליגקייט פון 60 מייל א שטונדע. מיר געפינען זיך יעצט 2.400 ביז 2.800 מייל ווייט פון אונזער אינזעל, און 40, העכסטענס 43 שטונדען וועלען מיר אלזא אנקומען אויף אונזער אינזעל. מיר האבען נור וואס געזעהן, אז דיא מאטראזען פון דער „זשאנעט" האבען אויסגעהאלטען פינף טעג, אדער 120 שטונדען און זיינען געבליבען לעבען, מיר וועלען אלזא מוזען אויסהאלטען 40 שטונדען אהן עסען און טרינקען.

אלע האבען איהם אויסגעהערט אויפמערקזאם, קיינער האט ניט גע־ענטפערט אווארט.

—אלזא, פארווערטס ! האט ראבור אויסגערופען,— א חיים ! אויף אונ־זער אינזעל ! דארט וועלען מיר האבען אלעס, דארט וועלען מיר זיך אויסרוהען, דארט וועלען מיר געפינען מיטעל, וויא אזוי ווידער צו בעקומען אין אונזערע הענד דעם פרעזידענט און דעם סעקרעטער פון וועלדאן קלוב.

אלע זיינען בעגייסטערט געווארען פון זיין רעדע און האבען זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט.

16טעם קאפיטאל.

דער וועלדאן קלוב.

מיר מוזען איבערלאזען ראבור און זיין פליה מאשין און דעם פרעזידענט מיט'ן סעקרעטער פון וועלדאן קלוב אויף דער משאטהעם אינזעל און זיך אומ־

קעהרען קיין פילאדעלפיא מיט צוויי מאָנאטע צוריק; מיר מוזען זיך אומקעהרען צו דער זייט, ווען אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען גאָר פלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָהן אין פילאדעלפיא, ווען אזעלכע צוויי בעוואוסטע מענער, וויא אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס, זיינען גאָר פלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען און מען האָט פון זיי קיין שפור ניט געפונען.

מיר האָבען שוין דערצעהלט, וויא דיא פילאדעלפיער פאָליציי האָט געזוכט אין שטאָדט אויסער דער שטאָדט און ארום דער שטאָדט, פיליינט וועלען זיי געפינען, א שפור, א צייכען, א וואונק, אן אנדייטונג פון דעם פרעזידענט און סעקרעטער פון וועלדאן קלוב. עס איז וואהר, אז אויף דער פאָליציי קען מען זיך ניט פערלאָזען אין קיין לאנד און אין קיין פאל. „דיא פאָליציי און דאָס פייערוועהר קומען אימער צו שפעט“, זאָגט אן אלטעס שפריכוואָרט, אָבער דיא מיטגלידער פון וועלדאן קלאָב זיינען אלע געוועזן רייכע מענשען און דער וועלדאן קלוב איז איינער פון דיא רייכסטע קלובס אין אמעריקא. מען האָט אָבגעהאלטען א מיטינג און מען האָט בעשלאָסען, אז מען זאָל מעלדען אין אלע צייטונגען, אז דער וועלדאן קלוב גיט פינף טויזענד דאָלאר יעדען, ווער עס וועט ברענגען א נאוריכט, א זיכערע נאכריכט, וויא אזוי אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען פערשוואונדען געוואָרען; מען וועט אָבער געבען צעהן טויזענד דאָלאר יעדען, וועלכער וועט אָנצייגען, וואו זיי געפינען זיך.

פינף טויזענד דאָלאר איז א שעהנע סומע, צעהן טויזענד דאלאר אָבער איז אזא אידעאל פאר יעדען אמעריקאנער, אז ער וועט ריסקירען זיין לעבען, ער וועט זיך אויפאָפּפערען פאר צעהן טויזענד דאָלאר.

דאָס מאָהל אָבער האָבען דיא צעהן טויזענד דאָלאר אויך ניט געהאָלפען, א בעוויז, אז מען קען דאָך ניט האָבען אלעס, וואָס מען וויל, פאר געלד. קיינער האָט זיך ניט געמעלדעט צו בעקומען דיא צעהן טויזענד דאָלאר, קיינער האָט זיי ניט געפאָדערט. אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען אלזאָ פערלאָרען, פערלאָרען אויף אייביג! פערשוואונדען! אין וואסער אריין!

דיא מיטגלידער פון וועלדאן קלאָב, דיא רייכע, דיא שווערע געלד זעק, זיינען געוון אויסער זיך פאר צאָרן און פערדרוס, וואָס זאָגאר פאר צעהן טויזענד דאָלאר האָבען זיי ניט געקענט בעקומען א נאכריכט, א שפור, א צייכען, אן אָנדייטונג, וואוהין זייער פרעזידענט און זייער סעקרעטער זיינען פערשוואונדען געוואָרען.

אונטערדעסען האט מען בעקומען ווידער נייעס פון דער זאַנדערבארער מוזיק, וועלכע מען הערט ביי נאכט און ביי טאָג אין דער הויך, אין הימעל. מען איז געוואָהר געוואָרען אז דעם אנדערען טאָג, נאכדעם, וויא אַנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען פערשוואונדען געוואָרען, האט מען געהערט דיעזע רעטהזעל־האפטע מוזיק אין מאָנטרעאל און אין קוויבעק, אין קאנאדא. עטליכע טעג שפּע־טער האָבען די פּאסאזשירען און דער צוג־פיהרער פון אן אייזענבאהן־צוג פון דער פּאסיפיק אייזענבאהן, וועלכער איז געפאָהרען קיין סאלט־לייק־סיטי, אין יוטא, דערצעהלט, אז זיי האָבען אליין געזעהן אמאשין, וועלכע פליהט אין דער לופט און מאכט מוזיק. אייניגע פּאסאזשירען האָבען זאָגאר בעהויפּטעט, אז זיי האָבען געהערט א שטימע פון דיעזער פליה מאשין שרייען: „איך בין א געפאנגענער ביי ראבור“, אָבער קיינער האָט ניט געקענט שווערען, אז ער האָט ווירקליך גע־הערט דיעזע שטימע.

אין דיא צייטונגען האט מען אָנגעהויבען צו שרייבען, אז מען האָט ווירקליך געזעהן א מאשין, וועלכע פליהט אין דער לופט זעהר שנעל. מען האָט אָנגעהויבען צו ווידערהאָלען דיא רעדע, וועלכע ראבור האָט געהאלטען אין וועל־דאָן קלאָב אין דער נאכט, ווען אַנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען פער־שוואונדען געוואָרען. מען האָט אָנגעהויבען צו שרייבען, אז פיליכט איז עס אויך וואהר, אז נור א זאך וועלכעס איז שווערער פון דער לופט, קען זיך האלטען אין דער לופט. מען האָט זאָגאר געבראכט אזא ביישפּיעל, ווען איך נעהם א שטיק אייזען פון א פונט און וואַרף עס אריין אין וואסער, וועט עס באלד אראָפּ צום גרונד, לאָ מיך אָבער מאכען פון דיעזען אייזען א שאכטעל און עס אריינוואַרפען אין וואסער, וועט עס שוין שווימען. דאָס בעווייזט, אז דאָס זעלבע שטיק אייזען קען שווימען, ווען מען ווייס נור, וויא אזוי דער מיט ארומצוגעהן און וואָס פאַר א געשטאלט, וואס פאר א פאָרם מען זאָל עס געבען.

אזוי וויא מען האָט אזוי גערעדט און געשריעבען אין דיא צייטונגען, איז אָנגעקומען א טעלעגראַמע פון אן אמעריקאנער אין כינא, אז פיעלע כינעזען האָבען געזעהען, וויא א מאשין האט זיך אראָפּגעלאָזען פון הימעל, אויף דער מאשין זיינען געוועזען מענשען און זיי האָבען זעהר שעהן געשפּיעלט, מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט מען געמעלדעט פון רוסלאנד, פון דער געגענד ארום דער וואלגא, אז דאָרט האָט מען געזעהן א מאשין פליהען אין דער לופט און מען האָט געהערט פון איהר א זאָנדערבארע מוזיק.

אזוי איז פערגאנגען דיא צייט ביז ענדע יולי. פּלוצלונג איז אָנגעקומען

אין וואשינגטאָן א בריעף מיט א זילבערנע טאבאקס דאָזע מיט א קליין בריוועלע אינוועניג. דיעזע זילבערנע טאבאקס דאָזע האָט דיא פראנצויזישע רעגיערונג צו־געשיקט צו איהר געזאנדטען אין וואשינגטאָן ער האָט עס איבערגעגעבען דעם אמעריקאנער מיניסטער דער אינערן אנגעלעגענהייטען, און דיעזער מיניסטער האָט עס צוגעשיקט צום וואלדען קלאָב אין פילאדעלפיא. דאס איז געווען דיא זילבערנע טאבאקס דאָזע פון אָנקעל פרודענט און דאָס צעטעלע, וואָס ער האָט אָנגעשריעבען אויפ'ן „אלבאטראס".

יעצט האָבען שוין דיא מיטגליעדער פון וועלדאָן קלוב געוואוסט, וואו זייער פרעזידענט און זייער סעקרעטער געפינען זיך. אלזאָ איז עס ראָבור, וועל־כער האָט געפאנגען אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס!

דיא מיטגליעדער פון וועלדאָן קלוב האָבען באלד בערופען א גענע־ראל פערזאמלונג און מען האָט זיך בעראטהען, וואָס מען זאָל טאָהן? וויא אזוי קען מען חאפען דעם רויבער און מערדער ראָבור און איהם בעשטראָפען פאר אזא פערברעכען. מען קען זיך לייכט דענקען, וואס עס האט זיך אבגעטהאָן אויף דיע־זען מיטינג, ווען מען זאָל געווען קענען קריגען ראָבורן, תאָלט מען איהם געווים געווען צוריסען אויף שטיקער, אָבער וויא אזוי קריעגט מען איהם? וואו נעהמט מען איהם?

מען האָט גערעדט, געשריען, דעבאטירט ביז צוויי אוהר נאָך האלבע נאכט און מען איז ענדליך געקומען צום בעשלוס, אז מען זאָל מאכען א גרויסען און שטארקען לופט באלאָן, וועלכען מען זאָל א נאָמען געבען „גאָ אהעד!" וויא מען האָט איהם געוואָלט מאכען מיט צוויי מאָנאט צוריק, און מיט דיעזען לופט בא־לאָן זאָל מען נאָכיאָגען ראָבור'ן, איהם פאנגען און בעפרייען דעם פרעזידענט מיט'ן סעקרעטער.

דערמיט האָט זיך געענדיגט דער ספעציאל און גענעראל מיטינג פון וועל־דאן קלאָב. מען האָט זיך באלד גענומען בויען דעם לופט־באלאָן, אבער ניט אזוי גיך טהוט זיך, וויא עס רעדט זיך. עס מוז נעהמען צייט צו בויען א גרויסען און שטארקען לופט באלאָן.

דיא צייט איז אזוי פערגאנגען ביז ענדע סעפטעמבער. דעם 28טען סעפ־טעמבער האָט זיך פלוצלונג פערברייטעט דיא נאכריכט אין פילאדעלפיא, אז אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען געקומען צו פאהרע מיט דעם צוג פון סאן פראנציסקא. דיא גאנצע שטאָדט איז געלאָפען זעהן דיעזע מענשען, וועלכע זיינען אזוי פלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען און אזוי פלוצלונג צוריקגעקומען.

מען האָט אָבער געפונען אז דיא טיהר פון אָנקעל פרודענטס הויז איז פערמאכט. דזשימ'ס פאָרט, דער שאצמייסטער פון וועלדאן קלוב, האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען, ער איז געקומען צו לויפען פערסאָפּעט און האָט אָנגעהויבען צו קלאפּען אין דער טיר און צו רייסען אלע גלאָקען. דיא טיהר האָט זיך געעפענט און א שווארצער קאָפּ מיט געקרייזעלטע האאר האָט ארויסגעשטעקט.

— בראון! דער נעגער בראון! אָנקעל פרודענט'ס בראון! האָט מען אָנגעהויבען צו שרייען פון אלע זייטען.

פיעלע פילאדעלפיער האָבען דערקענט דעם נעגער.

— הוראה פאר בראון! טהרי טשירס פאר בראון! האָט דיא מענגע געליארמט.

דער נעגער בראון האָט געלאכט מיט זיין ברייטען געלעכטער און האָט ארויסגעוויזען זיינע ווייסע צעהנער. מיט שווערער מיה איז עס איהם געלונגען אריינצולאָזען נור דזשים ספּאָרט, ווייל אלע האָבען געוואָלט אריינגעהן, יעדער האָט געוואָלט זעהן אָנקעל פרודענט.

דזשים ספּאָרט האָט געפונען אָנקעל פרודענט זיצען רוהיג ביי א גרויסען טיש אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעלייגט צייכנונגען און מאָדעלען פון לופט באלאָנען. ער האָט בעטראכט דיזע צייכנונגען און האָט געטראכט, וויא צו מאכען א לופט שיף, וויא ראָבורס. ער האָט אויפגענומען זעהר פריינדליך דעם שאצמייסטער פון וועלדאן קלוב און האָט איהם דערצעהלט אלעס, וואס עס האָט פּאסירט מיט איהם און פיל עוואנס, זייט ראָבור האט זיי געפאנגען נעבען פעיר מאונט פּארק. ביז זיי זיינען ענטלאָפען פון איהם אויף דער טשאטהעם אינזעל, וויא עס איז שוין בעקאנט דעם לעזער.

דאן האָט ער דערצעהלט, וואָס עס האָט איהם פּאסירט אויף דער אינזעל טשאטהעם. אויף דיעזער אינזעל וואוינען הונדערט פאמיליען האלב ווילדע מענשען. זיי דערנעהרען זיך פון פיש פאנג און פון דיא ווענינע פּראָדוקטען, וואָס דיא מאָגערע ערד פון דיעזער אינזעל גיט ארויס. זיי האָבען געזעהן, וויא דער „אלבאטראָס“ איז צוגעקומען צו זייער אינזעל און האָבען געמיינט, אז דאָס זיינען געקומען מלאכים, הימעל מענשען. ווען דער „אלבאטראס“ האָט אראָפּגעוואָרפען דעם אנקער צווישען דיא שטיינער ביין ברעג, האָבען זיך דיא האלב ווילדע אזוי דערשראָקען אז זיי זיינען אנטלאָפען און האָבען זיך בעהאלטען צווישען דיא שטיינער און אין דיא היילען. ערשט דעם אנדערן טאָג, ווען זיי האָבען געזעהן, אז דער „אלבאטראָס“ איז פערשוואונדען געוואָרען, האָבען זיי געפּאסט

מוטה און זיינען ארויסגעגאנגען פון זייערע היילען און זיי האָבען דערזעהן צוויי ווייסע מענשען און איין שווארצען. דאָס האָט זיי זעהר איבעראשט, ווייל זיי האָבען קיין מאָל ניט געזעהן קיין שווארצען מענשען. זיי האָבען זיך איינגערעדט, אז דיא ווייסע מענשען זיינען גוטע גייסטער, דער שווארצער אָבער איז א בייזער גייסט. פאר א גוטען גייסט האָט מען ניט וואָס מורא צו האָבען, ער איז דאָך גוט פאר דעם בייזען גייסט אָבער פאר דעם בייזען גייסט דארף מען מורא האָבען, ער איז דאָך שלעכט, און דארום מוז מען זעהן איהם איבערצובעטען, צו מאכען איהם פאר א פריינד. וויא אזוי מאכט מען עס? מען פאלט פאר איהם אויף דיא קניע און מען גיט איהם פילע גוטע זאכען. זיי האָבען געבראכט דעם נעגער פריכ־טע, פיש, שעהנע מושלען (מויער קעפּ). קורץ, דער נעגער איז געוואָרען פאו זיי א סאָרט גאָט, וועמען זיי האָבען געבראכט קרבנות.

דאס איז זעהר צוניץ געקומען אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס. דער נעגער פלעגט צו נעהמען אלעס, וואָס מען האָט איהם געבראכט און פלעגט עס אוועקגע־בען זיין הערין דערפון האָבען זיי געלעבט דיא ערשטע טעג. שפעטער האָבען זיי זיך בעסער בעקענט מיט דיא האלב ווילדע איינוואָהנער פון יענער אינזעל און זיי האָבען געוואוינט אין זייערע געצעלטען און געגסען, וואָס דיא ארימע איינוואָה־נער האָבען געקענט קריעגען. דאָס מעער איז דאָרט זעהר רייך מיט אלערליי פיש. אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס האָבען פרובירט האפען פיש. זיי האָבען געווי־זען דיא איינגעבאָרענע איינוואָהנער וויא צו מאכען נעצען און וויא צו זאל־צען פיש.

אָנפאנגס סעפּטעמבער איז צו געקומען צו דער אינזעל אן ענגלישער דאמפ־פער וועלכער האָט געדארפט פרישעס וואסער. אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען ארויפגעגאנגען אויפ„ן שיף און האָבען געבעטען דעם שיפסקאפּיטאן, ער זאָל זיי מיט נעהמען ערגעץ אין א שטאט.

אזוי וויא אָנקעל פרודענט האָט געהאט ביי זיך איינינגע טויזענד דאָלאר און האָט ערקלערט אז ער וויל בעצאָהלען פאר זיין רייזע, וויא אויך פאר זיינע קאמאראדען, האָט דער שיפסקאפּיטאן זיי אויפגענומען. אָנקעל פרודענט האָט געקויפט ביים שיפסקאפּיטאן מעסער, העק, זעגען און אנדערע אינסטרומענטען, וועלכע ער האָט געשענקט דיא איינוואָהנער פון טשאטהעם אינזעל פאר זייער גאסט פריינדשאפט.

דעם 24טען סעפּטעמבער איז דאָס ענגלישע שיף אָנגעקומען קיין סאן־פראנציסקאָ. אָנקעל פרודענט, זיין נעגער און פיל עוואנס האָבען זיך דעם זעלבען

טאָג אויפגעזעצט אויף א שנעל צוג און זיינען איינגעקומען קיין פילאדעלפיא דעם 28טען סעפטעמבער.

דעם אנדערען טאָג, דעם 29טען סעפטעמבער, האָט מען ווידער גערופען א ספעציאל מיטינג, אויף דיא איינלאדונגס קארטען איז געשטאנען, אז אנקעל פרו־דענט וועט פיהרען דעם מיטינג און פיל עוואנס וועט פראָטאָקאָלירען דיא פער־האנדלונגען.

אלע מיטגלידער זיינען געקומען צום מיטינג. ווען אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס זיינען אריינגעקומען אין מיטינגס־לאָקאל האָבען זיך אלע אויפגעהויבען פון זייערע פלעטצער און האָבען אויסגערופען הורראה ! הורראה !

אָנקעל פרודענט איז רוהיג צוגעגאנגען צו זיין פלאטץ, האָט אראָפּגענומען דעם הוט, האָט דריי מאָל א קלאפּ געטאָהן מיט'ן האמער און האָט געזאָגט ערנסט און רוהיג :

—איך ערקלער דעם מיטינג פון וועלדאן קלוב ערעפענט !

מען האָט ווידער אָנגעהויבען צו שרייען הורראה, אנקעל פרודענט האָט איבערגעווארט, ביז אלע האָבען זיך בערוהיגט, און האָט ווייטער געזאָגט:

— מיינע הערען ! מיר האָבען היינט א ספעציאל מיטינג אום צו פער־האנדלען דיא פראגע וועגען דעם לופט באללאָן „גאָ אהעד !" וועלכען מיר האָ־בען בעשלאָסען צו בויען אויף אונזער מיטינג, אָבגעהאלטען דען 24טען יוני...

און ער האָט ווייטער ערקלערט, וויא דיעזער לופט באלאָן דארף געבויט ווע־רען און וועלכע קראפט זאָל איהם טרייבען. ער האָט געהאלטען א לאנגע רעדע, אין וועלכע ער האָט ערקלערט דיא פיזישע אייגענשאפטען פון דער לופט און דיא מאטעמאטישע געזעצע פון בעוועגונג. אין זיין גאנצער לאנגער רעדע האָט ער ניט דערמאָנט איין ווארט פון „אלבאטראָס", פון ראָבור, פון זיין רייזע ארום דיא וועלט געגען זיין וויללען, און פון אלעס, וואָס ער האָט געזעהען און געהערט אויף זיין וואונדערבארער רייזע.

אלע האָבען איהם אויסגעהערט אויפמערקזאם, קיינער האָט ניט געוואגט איהם צו פרעגען, וואו ער איז געוועזן ביז אהער און וואָס עס האָט מיט איהם פאסירט.

און זאָנדערבאר ! יעצט האָט מען איינגעשטימט מיט אלעס, וואָס ער האָט געזאגט און אלע זיינע פאָרשלעגע זיינען אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג. ווען ער האָט געזעהען, אז קיינער פערלאנגט ניט דאָס וואָרט, האָט ער ווידער דריי מאָל געקלאפט מיט'ן האמער און האָט געזאָגט.

—אלזא מיינע העררען, מיר מוזען זעהען ענדיגען אונזער לופט באללאָן ,,גאָ אהעד" ! וויא צום גיכסטען.— דער מיט ערקלער איך אונזער מיטינג גע־שלאָסען.

לעצטעס קאפיטעל.

דיא לופט באללאָן איז נאָך צו פריה.

דיאמיטגליעדער פון וועלדאָן קלוב האָבען זיך יעצט גענומען גאנץ ערנסט צו זייער לופט באללאָן ,,גאָ אהעד!" דיא איינוואוינער פון פילאדעלפיא, וויא פון דיא פעראייניגטע־שטאאטען האָבען זיך צו ביסלאכוויים בערוהיגט און האָבען אָנגעהויבען צו פערגעסען, אז דער פרעזידענט און דער סעקרעטער פון וועלדאָן קלוב זיינען גאָר געווען געפאנגען.

דיא מוזיק אין הימעל האט אויפגעהערט און דיא צייטונגען האָבען אויפ־געהערט צו שרייבען פון וואונדער אין הימעל. קיינער האט ניט דערמאָנט דעם נאָמען ראָבור אָדער „אלבאטראָס", דיא וועלט האט זעהר א שלעכטען זכרון, דער גרעסטער מאן ווערט באלד פערגעסען, ווען ער לאָזט ניט איבער א ווערק, וועלכעס זאָל איהם דערמאָנען, דערפאר זיינען פארגעסען געוואָרען דיא נעמען פון דיא מענשען, וועלכע האָבען געמאכט דיא גרעסטע, דיא ניצליכסטע ערפינ־דונגען, קיינער וויים יעצט ניט, ווער עס האט אויסגעטראכט א שעער, א צוואנ־גע, א האמער, א זעג און אנדערע אזעלכע ניצליכע אינסטרומענטען.

דיא וועלט האט א קורצעס געדעכטניס. היינטיגע וועלט מוז האָבען יעדעס מאָל עפּעס נייעס, האט זיא נייעס, פערגעסט זיא דאס אלטע. אמאָל איז דער נאָ־מען פון א מענשען געבליבען, ווען ער איז געווען אויסגעהאקט אין שטיין אָדער איינגעשריעבען אין א בוך, היינט העלפט דאס אויך ניט, ווייל מיר האָבען צו פיעל ביכער און מען שרייבט צו פיעל ביכער. דיא ביכער זיינען יעצט זעהר בי־ליג, ווייל זיי האָבען קיין ווערטה, זעלטען ווערט יעצט געשריעבען א גוטעס בוך, ווייל יעדער שרייבט, און דארום פערגעסט יעצט דיא וועלט זאָגאר דיא נעמען פון דיא מענשען, וועלכע האָבען ווירקליך אויפגעטאָהן עפּעס פאר דיא גאנצע מענש־הייט.

דאָס לעבען איז היינט זעהר שווער און דיא מעגליכע זאָרגען פערשלאָגען אלע פעהיגקייטען צו דענקען, צו טראכטען און צו דערמאָנען דיא גרויסע מענער.

דיא מיטגליעדער פון וועלדאָן קלוב האָבען יעצט געהאט נור איין זאָרג,— זייער לופט באללאָן זאָל פערטיג ווערען וויא צום גיכסטען. ענדליך איז דער ,,גאָ

אהעד!" פערטיג געוואָרען. ער האָט געהאט דיא געשטאַלט פון א סיגאַר און איז געווען אזוי שטארק, אז ער האָט געקענט טראָגען אויף זיך א געוויכט, א משא, פון פיער טויזענד פונט. דאס באָאָט, וועלכעס איז אראָפּגעהאנגען פון איהם, האָט געהאט צוויי שרויבען פון פאָרנט און פון הינטען און א קליינעם עלעקטרישען לאָקאָמאָטיוו. ווען דיעזעס באָאָט זאָל זיך געפינען אין וואסער, וואָלט מען גאנץ רוהיג געקענט מיט איהם פאָהרען פון פילאַדעלפיא נאָך ניו יארק.

אין באָאָט האָבען זיך געפונען נעטהיגע אינסטרומענטען פאר א רייזע אין דער לופט, עס האָט זיך אין איהם אויך געפונען אן אנקער, וועלכען מען האָט געקענט ארויס ווארפען און פעראנקערן דעם לופט באַלאָן.

דיא בעסטע אינזשענירען פון אמעריקא האָבען געבויט דעם „גאָ אהעד!" און דיא בעסטע כעמיקער האָבען איהם אָנגעפיללט מיט גאז. מען איז אלזאָ געווען זיכער אז ער וועט קענען אויסהאַלטען א לאנגע רייזע.

ער איז פערטיג געוואָרען אין פעברואר, דאס וועטער איז אָבער געווען אזוי שלעכט, אז מען האָט מורא געהאט זיך צו לאָזען אויף איהם. א לופט באַלאָן קען ניט געהן אין א שלעכטעס וועטער, דאָס הייסט, עס איז שווער איהם צו רעגירען, דיא לופט איז שווער און דריקט איהם, פרעסט איהם און פרעסט פון איהם ארויס דעם גאז.

ערשט דעם 20טען אפּריל האָט מען געקענט ארויפלאָזען דעם „גאָ אהעד!" דאָס וועטער איז געוואָרען שעהן און ווארים און וויא מען האָט געמעלדעט פון וואשינגטאָן און נויארק, וועט דיעזעס שעהנע וועטער אנהאַלטען עטליכע טעג.

מיר דארפען ניט זאָגען, אַנקעל פּרודענט און פיל עוואנס האָבען געדראפּט פּאָהרען מיט „גאָ אהעד!" ערשטענס, זיינען זיי דאָך געווען פּרעזידענט און סעקרעטער פון וועלדאָן קלוב, צווייטענס, האָבען דאָך אלע געוואוסט, אז זיי האָבען שוין געמאכט א רייזע ארום דיא וועלט אויף ראָבורס פליה מאשין.

דער 20טער אפּריל איז געווען א שעהנער טאָג, א ווארימער טאָג, דיא זון האָט געשיינט העל, דיא לופט איז געווען ווארם און שטיל, קיין ווינטעלע האָט געוועהט, קיין לופטעלע האָט זיך געריהרט.

גאנץ פילאַדעלפיא האָט זיך פערזאמעלט אין פעיר מאָונט פארק, בעזאָנדערס אָבער אין זשיראַרד עוועניו, וואו דער „גאָ אהעד"! איז געווען צו געבונדען מיט שטאַרקע שטריק. פאר דיא מיטגליעדער פון וועלדאָן קלוב איז געווען אויסגעבויט א בעזונדערע ביהנע לעבען לופט באַלאָן, נור דעם סיטי מעיאָר און דעם גאָווערנאָר פון פּענסילוועניא האָט מען ארויפגעלאָזען אויף דיעזע ביהנע.

פונקט האלב נאך צעהן אוהר זיינען אנגעקומען אנקעל פרודענט, פיל עוואנס און הינטער זיי איז געגאנגען שטאלץ דער נעגער בראון, וועלכער האט געטראגען אנקעל פרודענטס רייזע טאשע. קוים האבען דיא נעגער פון פילאדעלפיא דערזעהען זייער לאנדסמאן, דעם נעגר בראון, האבען זיי אנגעהויבען צו שרייען : הורראה ! און האבען געמאכט אזא ליארם, אז דיא ווענט פון דיא הייזער ארום פעיר מאונט פארק האבען געציטערט.

ווען דיא אוהר האט אויסגעשלאגען עלף, האט מען אויסגעשאסען מיט א קאנאנע, אלס צייכען, אז אללעס איז פערטיג און דיא רייזענדע אין דער לופט מעגען זיך אריינזעצען אין באאט, וועלכעס איז אראפגעהאנגען פון לופט באלאן.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען זיך אריינגעזעצט אין באאט. דאס מאל האבען זיי ניט געוואלט מיטנעהמען דעם נעגער און מיסטער בראון איז דער פון געוועזן זעהר צופריעדען. ער איז שוין גענוג זיך אנגעפאהרען אין דער לופט און האט ניט געוואלט פראבירען עס צום צווייטען מאל.

מען האט ווידער אויסגעשאסען פון א קאנאנע, א צייכען, אז דיא רייזענדע פון לופט באללאן נעהמען אבשיעד, זעגענען זיך, מיט זייערע קאמעראדען און מיט דיא איינוואוינער פון פילאדעלפיא.

אנקעל פרודענט און פיל עוואנס האבען זיך אויפגעשטעלט אין באאט און האבען אלעמען געגריסט.

מען האט אויסגעשאסען צום דריטען מאל פון דער קאנאנע און מען האט איבערגעשניטען דעם שטריק, מיט וועלכען דער ,,גא אהעד!“ איז געוועזן צו געבונדען.

דער ,,גא אהעד!“ האט זיך אויפגעהויבען אין דער לופט שטאלץ און שנעל, ביז ער איז ארויסגעקומען אויף א הויך פון 750 פוס איבער דער ערד, דאן האבען דיא לופט רייזענדע אנגעהויבען איהם צו טרייבען מיט די מאשינען, וועלכע האבען זיך געפונען אין באאט. דער ,,גא אהעד!“ האט געפאלגט דעם רודער און איז געגאנגען, וואוהין זיין לאקאמאטיוו האט איהם געטריעבען. אלע, וועלכע זיינען געשטאנען אונטען און האבען עס געזעהען, האבען אנגעהויבען צו שרייען :

—הורראה ! הורראה !

דיא מעננע איז ווילד געווארען און דאס הורראה שרייען האט גאר ניט געוואלט אויפהערען.

מען האט געזעהן גאנץ דייטליך, וויא דיא לופט רייזענדע האבען רעגיערט און געקירעוועט דעם ,,גא אהעד!“ וואו זיי האבען געוואלט

— העכער! האָט אָנקעל פּרודענט געזאָגט, מיר מוזען ארויפגעהן נאָך העכער אום צו ווייזען דער וועלט, אז מען קען פאָהרען מיט א לופט באלאָן אזוי הויך וויא מען וויל.

זיי האָבען זיך ארויפגעלאָזען העכער, דער „גאָ אהעד!" האָט דערגרייכט די הויך פון 2000 פוס איבער דער ערד. פון אונטען האָט מען איהם שוין קוים, קוים געזעהען, ער האָט אויסגעוויעזען, וויא א פויגעל, וועלכער פליעהט גאנץ הויך.

גאָר פלוצלינג האָט זיך געוויעזען א שווארצער פונקט אויפ'ן הימעל. אָנפאנגס האָט מען געמיינט, אז דאָס איז א פויגעל, וועלכער האָט זיך דערשראָקען פאר'ן „גאָ אהעד!" באלד אָבער האָט מען דערזעהן מיט שטוינען און פערוואונדערונג, אז דער שווארצער פונקט, דער פויגעל, קומט צו נעהענטער צום „גאָ אהעד!" אויך אָנקעל פּרודענט און פיל עוואנס האָבען עס דערזעהן און זיינען געוואָרען אויפמערקזאם.

פלוצלינג האָט פיל עוואנס א געשריי געטאָהן:

—דער „אלבאטראָס"! דאָס איז דאָך דער „אלבאטראָס!"

ווען פיל עוואנס זאָל געוועז דערזעהען זיין טויטען פאָטער צוריק קומען, וואָלט ער זיך ניט אזוי דערשראָקען, וויא יעצט, ווען ער האט דערזעהען דעם „אלבאטראָס." ער און אָנקעל פּרודענט זיינען געוועזן זיכער, איז דער „אלבאטראס" איז צוריסען געוואָרען אויף שטיקלאך און ראָבור מיט זיינע מענשען זיינען שוין לאנג טויט. זיי זיינען אריינגעפאלען אין מעער און דיא פיש האָבען זיי אויפגעפרעסען, און יעצט, גאָר פלוצלינג, פון דער העלער הויט, איז ארויסגעקראָכען דער „אלבאטראָס" גאנץ, לעבעדיג, פריש, וויא אין דער צייט, ווען ראָבור האָט זיי געהאלטען געפאנגען.

אויך אָנקעל פּרודענט האָט א ציטער געטאָהן, ווען ער האָט דערזעהן דעם „אלבאטראָס", יעצט האָט ער איהם דערקענט, ער האָט דייטליך געזעהן זיינע צוויי און דרייסיג פליגעל, צו זעכצעהן פון יעדער זייט, וויא זיי פאָכען, וויא זיי ווארפען זיך, וויא זיי שוועבען.

אָבער אויך אונטען, דאָס פאָלק, דיא איינוואוינער פון פילאדעלפיא האָבען גאָר פלוצלונג, אָנגעהויבען צו שרייען און צו מורמלען: דער „אלבאטראָס"! מען קען זיך ניט ערקלערן, פון וואנען דיא איינוואוינער פון פילאדעלפיא זיינען עס געוואָהר געוואָרען. וואָס האָבען זיי דען געוואוסט פון „אלבאטראָס"? וויא קומט צו זיי דער נאָמען „אלבאטראָס?" מען זאָגט צוואר, אז דער נעגער איז גע־

ווען דער ערשטער, וועלכער האָט אויסגערופען : דער „אלבאטראָס !“ ער האָט איהם דערקענט, אָבער דאס ווייס מען ניט פאר געוויס.

און ריכטיג, דאָס איז געווען דער „אלבאטראָס.“ וויא א גרויסער אדלער האָט ער יעצט געשוועבט איבער דעם פער מאָונט פארק. ער איז צוואר געווען זעהר הויך, אָבער מען האָט דאָך געקענט זעהן אז ער לאָזט זיך צום „גאָ אהעד!“ אז ער וויל אויף איהם אנפאלען, אז ער יאָגט זיך נאָך איהם ?

אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס האָבען עס אויך פערשטאנען. אנטלויפען פון איהם האָבען זיי ניט געוואָלט. עס איז זיי ניט אָנגעשטאנען,— שטעלען זיך געגען איהם האָבען זיי ניט געקענט, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אז ראָבור האָט וואפען : ביקסען און דינאמיט קוגעלן.

אלזאָ, וואָס טהוט מען ? דער פרעזידענט און סעקרעטער פון וועלדאן קלוב האָבען געוואָלט אויסמיידען דעם „אלבאטראָס.“ עס האָט זיך אָנגעהויבען א שפיעל אין „בלינדע קוה“ אין „בעהעלטעניש.“ דער „גאָ אהעד“! האָט זיך אויפ־געהויבען גאנץ הויך, דער „אלבאטראָס“ איז געפלויגען העכער פון איהם, דער „גאָ אהעד!“ האָט זיך מיט אמאָל אראָפּגעלאָזען, דער אלבאטראָס“ איז געפלויגען שנעלער פון איהם.

אָנקעל פרודענט און פיל עוואנס האָבען זעהר גוט געוואוסט, אז ווען ראָבור זאָל נור וועלען, קען ער אויסשיעסען אויף דעם „גאָ אהעד!“ איהם דורכלעכערן, דער גאז וועט ארויס פון איהם און דער לופט באללאָן מיט זיינע רייזענדע וועלען אין איינינע סעקונדען אראָפּגעפאלען צו דער ערד און צומאָהלען ווערען אויף שטויב.

דיא צושויער אונטען האָבען בעטראכט מיט שרעק, שטוינען און בעוואונ־דערונג דאָס זאָנדערבארע שפיעל, דיא „רייסעס“, „סקאטשקי“, אויף רוסיש, פון דיעזע צוויי לופט מאשינען. פון דעם באָאָט פון „גאָ אהעד!“ האָט געוועהט דיא אמעריקאנישע פאָהן מיט איהרע שטערן און שטרייפען, אויף דעם „אלבאטראָס“ האָט געוועהט א שווארצע פאָהן מיט א גאָלדענער זון און דער מיט וועלכע האָט געוואָרפען איהרע שטראהלען אין אלע זייטען.—דאס איז דיא פאָהן פון וויסענ־שאפט. דיעזע פאָהן בעדייטעט, אז דיא וויסענשאפט איז די גאָלדענע זון, וועל־כע בעלייכטעט דאס פינסטערניס, דיא שווארצע פארב, דיא וויסענשאפט צו־טרייבט דאס פינסטערניס, און שיקט איהרע גאָלדענע שטראהלען אין אלע זייטען.

פלוצלינג האָט זיך דיא סצענע געענדערט. דער „אלבאטראָס“ האָט זיך

מיט אמאָל אראָפּגעלאָזען און זיין דעק, זיין פּלאַטפאָרם איז אויסגעקומען לעבען דעם באָאָט פון דעם „גאָ אהעד!“ ראָבור„ס מענשען האָבען זיך א וואָרף געטאָהן אויף אָנקעל פּרודענט און פיל עוואנס, האָבען זיי אָנגעהאפּט ביי דיא הענד און האָבען זיי מיט געוואלד ארויפגעשלעפּט אויפ„ן „אלבאטראָס“. ראָבור האָט אויסגעשאָסען און האָט געמאכט א לאָך אין „גאָ אהעד!“

קוים האָט זיך געמאכט א לאָך אין „גאָ אהעד!“ איז דער גאז ארויס פון איהם און ער האָט אָנגעהויבען אראָפּ צו פאלען אויף דער ערד.

דיא טויזענדער מענשען, וועלכע זיינען געווען פערזאמעלט אונטען, האָבען געהערט דעם קנאק פון ראָבורס ביקס און ווי דער „גאָ אהעד“ פאלט אראָב און זיי זיינען געבליעבען שטעהען, וויא פערשטיינערט. יעדער האָט געפיהלט, אז הויך אויבען אין דער לופט שפּילט זיך אָפּ א שרעקליכעס דראמא א שוידערהאפּ־טעכ טרויער שפּיעל. העלפען אָדער זיך אריינמישען אין דיעזעס דראמא האָט קיינער ניט געוואָלט און קיינער האָט ניט געקענט.

דער „אלבאטראָס“ האָט אָנגעהויבען זיך אראָפּ צו לאָזען צו דער ערד. אלע האָבען אויסגעשטרעקט דיא העלזער. יעדער האָט געוואָלט זעהן און הערען, וואָס דאָ יועט פּאָרקומען. יעדער האָט געפיהלט, אז ער געפינט זיך פאר דעם ריכטער־שטוהל פון וויסענשאפט. צוויי סיסטעמע זיינען זיך צו זאמען געקומען, צוויי פּרינציפּען האָבען זיך צוזאמענגעשטויסען. דיא פראגע, אויב דער מענש וועט קענען פאָהרען אין דער לופט מיט א מאשין, וועלכע איז לייכטער אלס דיא לופט, אָדער מיט א מאשין, וועלכע איז שווערער אלס דיא לופט, מוז יעצט געלעזט ווערען.

דער „אלבאטראָס“ האָט זיך אראָפּגעלאָזען אויף צעהן פוס הויך פון דער ערד, ראָבור איז ארויסגעטרעטען אויף דער פּלאטפאָרם און האָט געזאָגט:

—בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען! איהר זעהט, אז דער פּרעזי־דענט און דער סעקרעטער פון וועלדאָן קלוב געפינען זיך ווידער אין מיינע הענד. איך וואָלט געדארפט זיי האלטען ביי זיך אלס געפאנגענע און זיי בעשטראָפען דערפאר וואָס זיי האָבען אונטערגעצונדען א באָמבע און האָבען געוואָלט צוריי־סען דעם „אלבאטראָס“ און טויטען מיך מיט מיינע מענשען, דאָס איז א פער־ברעכען, אָבער איך בין א מאן פון וויסענשאפט און קיין ריכטער, קיין שעריף. איך זעה מיט שמערץ און מיט בעדויערן, אז אזעלכע מענער, וויא אָנקעל פּרו־דענט און פיל עוואנס, זיינען געווען פערבלענדעט פון זייער פאנאטיזמוס און האָבען ניט געוואָלט אנערקענען אז מיין טהעאָריע איז ריכטיג אז א לופט שיף

מוז זיין שווערער אלס דיא לופט. מיט פאנאטיקער האָב איך ניט וואָס צו טאָהן.

דער „אלבאטראָס" האָט זיך אראָפּגעלאָזען ביז צו דער ערד און ראָבור האָט ווייטער געזאָגט:

—מיסטער אָנקעל פּרודענט און מיסטער פיל עוואנס, איהר זייט פריי! איהר מעגט אייך געהן אין אייער וועלדאָן קלוב.

אָנקעל פּרודענט און פיל עוואנס זיינען ארויסגעגאנגען פון „אלבאטראָס" און האָבען זיך געשטעלט אויף דער ערד.

דאָס מאָל האָט קיינער ניט געשריען און קיינער האָט זיי ניט בעגריסט.

דער „אלבאטראָס" האָט זיך אויפגעהויבען אויף פיערציג פוס אין דער הויך און ראָבור איז צוגעגאנגען צום ברעג פון דער פּלאטפאָרם, האָט א מאך געטאָהן מיט דער האנד, און האָט געזאָגט מיט זיין הויכער פעסטער קלינגענדער שטימע!

—בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען! איך האָב אויסגעבראָכען א נייעם וועג אין דער וויסענשאפט, איך האָב ערפונדען דאס ריכטיגע מיטעל צו בעצווינגען דיא לופט, אָבער מיין ערפינדונג איז א ביסעל צו פריה. די מענשען זיינען נאָך ניט רייף פאר דיא ערפינדונג. יעדע ערפינדונג מוז צוגעפּאסט ווערען צום גייסט פון דער צייט און צו דיא פעהיגקייטען פון דיא מענשען אין א געוויסע צייט. יעדע צייט גיט ארויס מענשען מיט געוויסע פעהיגקייטען, מיט א געוויסע קראפט צו פערשטעהן און אויפצונעהמען דיא געדאנקען און דיא אידעען פון דיזער צייט, ווען א מענש געהט ווייטער פון דיזער צייט, ווערט מען איהם ניט פערשטעהן; ער איז געקומען צו פריה, אויך איך בין געקומען צו פריה. איך זעה עס יעצט איין. ווען מענשען, וויא אָנקעל פּרודענט און פיל עוואנס, וועלכע זיינען געווען א לאנגע צייט אויף מיין „אלבאטראָס" און האָבען געהאט דיא געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען, אז נור א מאשין, וועלכע איז שווערער אלס דיא לופט, קען בעהערשען דיא לופט;— ווען אזעלכע מענשען האָבען נאָך געוואגט צו בויען אזא קינדער שפּיעל צייג, וויא דער „גאָ אהעד!" דאן איז מיין ארבייט אומזיסט! עס איז אָבער אומזיסט נור פאר דיזע גענעראציאָן, פאר דיזען דור, פאר דיא גאנצע מענשהייט וועט זיא ניט פערלאָרען געהן. עס וועט קומען א צייט, ווען דיא מענשען וועלען מיך פערשטעהן און וועלען וויסען צו שעצען מיין ארבייט, מיין אידעע און מיין ערפינדונג.

ער האָט זיך אָפּגערוהט איינעע אויגענבליקע און האָט דאן געזאָגט:

—בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען!— איך זאָג אייך יעצט: אדיע!

דער „אלבאטראָס“ האָט אָנגעהויבען צו פּאָכען מיט אַלע זיינע פליגעל, האָט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך און איז באלד פערשוואונדען געוואָרען אין בלויען הימעל.

אָנקעל פּרודענט און פיל עוואנס זיינען געשטאנען פאר׳ן פּובליקום, וויא פעראורטהיילטע פאר זייער ריכטער, זאָגאר דיא מיטגליעדער פון וועלדאן קלוב זיינען געווען ניט צופריעדען מיט זיי. ווען זיי האָבען זיך איבערצייגט, אז ראָ־בורס ערפינדונג איז אזוי גוט און אזוי וואהר, פאר וואָס האָבען זיי עס ניט גע־מעלדעט ? פאר וואָס האָבען זיי קיינעם ניט דערציילט, וואָס זיי האָבען געזע־העו און געהערט אויף׳ן „אלבאטראָס“ ? אן ערנסטער מענש, א מענש, וועלכער האָט זעלבסט רעספּעקט, מוז זיין גערעכט געגען יעדען און אנערקענען יעדען מענשענס טאלאנט און פעהיגקייט.

קיינער האָט ניט בעגריסט דעם פּרעזידענט און דעם סעקרעטער פון וועל־דאן קלוב, אים־געגענטהייל, מען האָט אנגעהויבען צו מאכען בעמערקונגען איי־בער זיי און צו זאָגען שטעך ווערטלאך אויף זיי, מען האָט זאָגאר אָנגעהויבען צו לאכען פון זיי און זיי האָבען געמוזט זיך ארייינזעצען אין א קארעטע און אנט־לויפען אהיים.

* * *

ווער איז אָבער ראָבור ? ווער דער לעזער פרעגען.

ראָבור איז דיא וויסענשאפט, וועלכע איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז מיט א לופט באללאָן קען מען גאָר ניט מאכען, ערשט ווען מען וועט אויסבויען א פליה־מאשין, וועלכע וועט זיין שווערער פון דער לופט, וועט מען קענען פאָה־רען אין דער לופט, וויא מען פאָהרט אויפ׳ן וואסער.

ע נ ד ע.

דיא לאנג ערוואַרטעטע עכט אידישע זיססע מוזיק,

דיא ארגינעלע
אידישע חתונה

פון פראָפ. ה. ס. שאַפּירא.

דיעזע זיסע אידישע מוזיק דערצעהלט אין טענער דיא גאַנצע צערעמאָניע פון איין עכט אייראָפּעאישע אידישע חתונה אונד ווען איהר הערט שפּיעלען דיעזע מוזיק ווערט איהר אַזוי בעגייסטערט פון דער נאַטירליכקייט דאָס אייך דוכט זיך אַז איהר זייט נאָך אין דער אַלטער וועלט אונד זעהט עס אַללעס צו.

דאָס זיינען דיא נומערין מוזיק.

1. גוטע וואָך.
2. זמירות.
3. חתן'מאל וואלצער.
4. פּאָלקא.
5. קוואַדריל.
6. קאזאצקא.
7. ברוגז טאַנץ.
8. שערעלע.
9. דאָברידזע.
10. צום באַדעקענס.
11. כלה באַזעטצענס.
12. צו דער חופּה.
13. אונטער דער חופּה.
14. פון דער חופּה.
15. צו דער וועטשערע.
16. ... אראַהאָד.
17. גוטע נאכט.

דיעזע 17 נומערין מוזיק איז איינגעטהיילט אין 5 בויגען פיר פּיאַנאָ, אונד אין 8 בויגען פיר וויאָלין פּרייז פון יעדן בויגען 25 סענט, אלע 5 בויגענס צוזאמען פיר פּיאַנאָ 1.00 אלע 8 בויגענס פיר וויאָלין 60 סענט.

הערויסגעגעבען בייא

דיא היברו פּאבלישינג קאמפּאני

128—122 לעאָנאַרד סטריט, ברוקלין, נויאָרק.

אויך צוא בעקומען בייא

יהודה קאצענעלענבאגען 66 קאנעל סטריט,
יהודה שטיין 37 קאנעל סטריט, נו ארק.

ענדליך ערשיענען!

דיא עכטע זיסע אידישע מוזיק וואס צוגעהט אין אלע גליעדער, נעמליך, דיא מוזיק פון דיא בעריהמטע אפערא

בן הדור

וואס האט געמאכט דעם גרעסטען גערודער אין אלע אידישע הערצער, עס זינגט זיך פשוט אלליין!

—• היער זיינען דיא נומערן מוזיק: •—

1. דיא פאנטאזיע ליעד.
2. דער קאמישער טערצעט.
3. בן הדור מארטש.

דיא בעריהמטע געטטליכע מוזיק איז פערפאסט אונד ארראנזשירט פון **פערלמוטער** אונד **וואהל.**

אויב איהר ווילט אנפיללען אייער הויז מיט אמת'ע אידישע מע־לאדיען, קענט איהר איך ניט בעגעהן אהן דיא אפערא **בן הדור.**

פיר פיאנא, פרייז **35** סענט.

פיר וויאלין, „ **25** סענט.

Published by

THE HEBREW PUBLISHING CO.,

122—128 Leonard Street, Brooklyn, N. Y.

אויך צו בעקומען ביי

יהודא קאצענעלענבאגען, 66 האנעל סטריט,

ניו יארק.

800 זייטען. ... דיא ... צוויי טהיילען.

אידישע ביהנע.

נרעסטע אידישע אויסגאַבע אין אַמעריקאַ.

ערשטער טהייל.

א זאמלונג פון ארטיקלען און ערצעהלונגען פון דיא בעסטע אידי־שע שרייבער, רעדאקטירט פון חנן י. מיניקעס (איש ווילנא).

ערנסטע ארטיקלען פון טהעאטער־עקספערטען, דראמאטורגען און קריטיקער, איבער דיא פער־גאנגענהייט, גענענווארט און צוקונפט פון דעם אידישען טהעאטער. אללע טהעאטער קופלע־טען, ארבייטער־ און פאָלקס־ליעדער פון דיא לעצטע צוואנציג יאָהר; ערצעהלונגען און הומאָ־ריסטישע סקיצען וועגע: אידישען טהעאטער און זיינע בעזוכער, שארפע וויטצען און שעהנע אנעקדאָטען, צום בעלעהרען און אמוזירען; א בוך פיר אלע קלאַסען פון פאָלק.

צווייטער טהייל.

ענטהאלט אלע טהעאטער קופלעטען, ארבייטער און פאָלקס־ליעדער און דעקלאמאציאָנען צוזאמענגע־שטעלט פון יהודה קאצענעלענ־באָגען.

הערויסגענעבען צום 20 יעהריגען יובילעאום פון אידישען טהעאַטער.

שרייבער אונד פאָעטען:

1) אברהם גאָלדפאַדען.
2) א. צונזער.
3) אלכסנדר הארקאווי.
4) א. מ. שארקאנסקי.
5) ב. פייגענבוים.
6) ב. גאָרין.
7) גאָרדין.
8) גאָ־אל.
9) ד. מ. הערמאלין.
10) ד. אפאטהעקער
11) דר. סיגעל.
12) ח. ווייססמאן.
13) וו. קייזער.
14) זקן גדול.
15) חנן יעקב מיניקעס.
16) טער.
17) יאָהאן פאליא.
18) י. קאצענעלענבאָגען
19) יאָזעף לאטיינער.
20) יצחק רייגגאָלד.
21) כ. מ. באבאר.
22) ל. שיינקער.
23) מ. ווינטשעווסקי
24) מ ראָזענפעלד
25) מ. וויספערט.
26) מאָקס אָווראמאוויץ.
27) נ. מ. שייקעוויטש.
28) סמבטיון.
29) עדעלשטאט.
30) פראָפ. זעליקאוויץ
31) פיליפ קראַנץ.
32) פראָפ. הורוויץ
33) קל ותומר.
34) ראבינאוויץ.
35) שמ״ר.
36) תשר״ק.

Published by

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

122—128 Leonard Street,

BROOKLYN, NEW YORK.

דיא קליינע תורה׳לע.

א שווערע צייט האט דורכגעלעבט יאזעף פעלדמאן דיא ערשטע פאר יאהר נאך זיין קומען אין אמעריקא. ער איז געווען האפנונגסלאז, דען אלעס איז איהם געווען פרעמד — פרעמדע מענשען, א פרעמדע שפראך! דער הימעל איז דער זעלבער, דיא זונן איז פיעלייכט אויך דיא זעלבע, נור זיא איז פערצויגען מיט א וואלקען און ער קען איהר ניט זעהן.

ער האט ניט געהאט קיין קרוב, קיין גואל. איינער אליין האט ער געמוזט קעמפפען מיט דיא אומשטענדען, זוכען ארבייט, א שטיקעל ברויט!........ מיעד געווארענדיג פון שווערען קאמפף האט ער אויסגערופען: „אך בעסער וואלט איך פערבליבען אין רוסלאנד איידער זיך קוועלען אין קאלומבוס׳עס מדינה — א קלאג צו איהם! א גליקליכער צופאל האט איהם געבראכט אין האנד א שעהן געדרוקטען ביכעלע אין טאשען פארמאט, דאס איז געווען דיא קאנסטיטושאן פון דיא פעראייניגטע שטאאטען מיט ענגלישען טעקסט אין אידישע איבערזעצונגען. דיעזען ביכעלע האט יאזעף פעלדמאן שפעטער בעטראכט אלס א קליין תורה׳לע. ער האט געעפענט זיינע אויגען ער האט ערשט דאן בעגריפען אין וואס פאר א לאנד ער איז. וואס פאר א רעכטע ער האט אלס בירגער און וואס פאר א ווערטה דיעזע רעכטע האבען פאר אידען. ער האט דערנאך ביי ערשטער געלעגענהייט ארויסגענומען זיינע ער׳שטער בירגער פאפירען. ער איז געווארען מוטהיג און האפנונגספאל. ער האט אנגעפאנגען צו לערנען דיא ענגלישע שפראכע, עס איז איהם געגאנגען זעהר לייכט, ווייל דיא קאנסטיטושאן מיט דער אידישער איבערזעצונג האט איהם ארייגעגעבען פלייס צו לערנען, און האט געקראגען א גיטען דזשאב. ער האט געשטרעבט צו אמעריקאניזירען זיך פאלשטענדיג. זיינע פערדיענסטע האבען געשטיגען מיט זיינע קענטניסע. אין א פאר יאהר ארום האט ער ארויסגענומען זיינע צווייטע בירגער פאפירען, פיעלע זיינען דורכגעפאלען, אבער ער האט האט געענטפערט אללע פראגען, ווייל ער האט געוואוסט דיא קאנסטיטושאן.

ער איז געווארען זעהר שטארק בעליעבט איבעראל אין ביזנעס קרייזען, ער איז געווארען געאכטעט און געשעצט דורך זיין קענטניס פון דער שפראך פון

אלערהאנד מעטהאדעס און ווערטערביכער

וואס איז ערשיענען אין אמעריקאַ צו ערלערנען דיא ענגלישע שפּראַך.

	סענט.
דער ענגלישער אלף־בית, פון אלכסנדר הארקאווי	5
דער ענגלישער לעהר־בוך	15
אמעריקאנישער לעהרער אין טאשען־פאָרמאַט	15
ענגליש אין אמעריקא	25
ענגלישער לעהרער	25
הארקאווי׳ס יודיש־אמעריקאנישע שוהלע	25
דיא נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע, בעארבייטעט נאך דר. אהנס דאָלמעטשער	25
דער זעלבער פיין געבונדען	35
אָלענדאָרפס מעטהאָדע מיט׳ן שליסעל, פיין בראָשירט	50
„ „ „ „ „ געבונדען	75
ענגליש־יודישעס טאשען ווערטערבוך, פיין געבונדען אין לייוואנד, פון אלכסנדר הארקאווי	35
דער זעלבער געבונדען אין א פיין לעדער באנד מיט גאָלד־שניט	50
הארקאווי׳ס האנד־ווערטערבוך, געבונדען	75
פאָלשטענדיגער ענגליש־יודישעס ווערטערבוך, פיין געבונדען	200
פאָלשטענדיגער יודיש־ענגלישעס ווערטערבוך, פיין געבונדען	125
פריינקעל׳ס ענגליש־יודי־ער בריעפענשטעלער	25
הארקאווי׳ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער	75
ווארנ׳ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער	100
ענגליש־רוסישע מעטה־דע, פון אלכסנדר הארקאווי	35
ענגליש־העברעאישע מעטהאָדע	35
דיא קאָנסטיטוציאָן פון דיא פעראייניגטע שטאאטען און וויא מען ווערט אמעריקאנער סיטיזען, פון אלכסנדר הארקאווי	10

ניינציג טויזענד תלמידים

האָבען זיך אויסגעלערענט ריידען און שרייבען ענגליש פון

אלכסנדר הארקאַווי'ס

ענגלישען לעהרער

וועלכער איז אנערקענט אלס דיא בעסטע מעטהאָדע זיך אויסצולערנען דיא ענגלישע שפראכע.

דער ענגלישער לעהרער

איז אזוי קונסטפאָל אויסגעארבייט, זאָ דאס יעדער איינער איז אימשטאנדע גרינדליך צו ערלערנען דיא ענגלישע שפראכע.

90 טויזענד עקזעמפלארען

זיינען שוין פערקויפט געוואָרען פון הארקאַווים „ענגלישען לעהרער" און דאס איז דער בעסטער בעווייז, אז אידען ווייסען צו אונטערשיידען, וועלכע מעטהאָדע איז דיא בעסטע. קיין מעטהאָדע האט נאָך ניכט געהאט אזא גרויסען ערפאָלג, וויא

אלכסנדר הארקאַווי'ס „ענגלישער לעהרער".

דער ענגלישער לעהרער פון אלכסנד הארקאַווי איז איינגעטהיילט אין 6 טהיילען מיט א לעזע בוך מיט ענגלישע גראמאטיק, וועלכע ערקלערט פון א. ביז ת. דיא גאנצע ענגלישע שפראכע.

דער ענגלישער לעהרער ענטהאלטעט אויך א גאנצע אבטהיילונג זיך צו לערנען שרייבען בריעף.

דער ענגלישער לעהרער איז שעהן געדרוקט און עלעגאַנט בראָשירט.

דער ענגלישער לעהרער האט געקאָסט 65 סענט און מיר פערקויפען איהם יעצט

בראָשירט פיר בלויז 30 סענט, געבונדען 40 סענט.

צו בעקומען ביי אללע בוכהענדלער און ביי

קאטאלאג

אונד פרייז־קוראנט

אונגליקליכע אמאליע	1.25
אוריאל אקאסטא	.10
איבער געלד און עהרע	.75
איד און גרעפין, 4 טהייל	.65
אידישע ביהנע, 1טע טהייל, טהעאטער קריטיק	.20
אידישע ביהנע 2טע טהייל, טהעאטער ליעדער	.35
אידישע געשיכטע פון פ. וויערניק	.75
אידישע קרבנות	.15
אידישער קאנגרעס אין באזעל	.03
איזאבעלע, קעניגין פון שפאניען	1.00
אייזמעער	.15
אינדיאנער פירסט	.30
אלעקסאנדער דער צווייטער	.35
אמעריקאנישע גליקען, 5 טהייל	.75
אמעריקאנישע הגדה	.05
אשמדאי	.05
באראן און באראנעסע דעהירש,	.3
ביטערע נקבה	.20
ביים טהיר פון גן־עדן	.05
בלאנדער יונגער מאנציג	.25
בלוטיגע גרעפין	1.25
בלוטיגער צלם	1.50
בעטלער גרעפין	.40
בערויבט און פערלאזין	2.25
בערויבטער קבר	.10
ברוך שפינאזא	.20
גאטטהייט	.10
גאלד גרובען פון קאליפארניע	.50
א גאסט פון יענער וועלט	.05
גיפט מישערין	2.00
גלות מאסקווא	1.00
געבילדעטער מערדער	1.00
געהיימניספאלע ירושה מיט טויז הערצען	1.25
געהיימניספאלער מארד	.15
געהיימער מארד	.05
געהיימע יודען	.15
געהיימער שלאס	.50
געוועזענער ציגיינער אדער גר צדק, פארטזעצונג צו דיא ציגיינער	.65
געזוכט אונד געפונען,	.50
גערויבטע קינד,	1.50
גריהמטער טרעפער,	.5
געשיכטע פון אמעריקא,	15

גראספירסט קאנסטאנטין,	.80
גראף מאנטא קריסטא,	.85
גראף עסטערהאזי,	.35
גראף פאטאצקי,	.5
גרויזאמער הערשער,	2.00
גרעסטער דעטעקטיוו,	.10
דאן קיכאט, פון א. הארקאווי,	.50
דאקטאר און צויבערער,	.10
דער דזשענטעלמאן, פארזעצונג צום פרעזידענט און א פונק אידישקייט,	.75
דריי פארשוינען,	.5
דרייפוס, פון יאהאן פאלייא נויארק,	1.—
הגדה פיר בארדער,	.8
הייראטה פון ד. מ. הערמאלין,	.25
הימעל און וואסער,	.85
היפנאטיזמוס,	.3
המן'ס מפלה,	.8
העלדען פון דער נאכט,	1.—
וואשינגטאן, (ערשטער פרעזידענט אין אמעריקא)	.10
וויכנע דוואשע פאהרט אין אמעריקא	.2
וויכנע דוואשע פאהרט פון אמעריקא	.5
וויכנע דוואשע דיא שדכנ'טע	.10
ווילדע מענשען,	.10
אין ווילדען אפריקא,	.10
וויעדער אין דער היים, 2טע טהייל פון א רייזע אין אונבעקאנטע געגענדען	.10
א וועלט אהן טרעהרן,	.3
וועלט באנדיטען,	.35
זילבערנע האכצייט,	.10
חאדשי סטאווראס,	.10
חכמת היד,	.8
חרם דרבנו גרשם,	.10
טויז הערצין,	.75
טיראן,	.80
טיראנישע מוטער,	1.25
טיראנישע רעפובליק,	.30
טערקישער משיח,	.5
טרילבי,	.10
יאנקעל בוילע,	.15
יאקעם בעמבע,	.8
יודישע ציגיינערין אדער דיא גערויבטע קינד, פארטזעצונג צו דיא ציגיינערין,	.65
יודקע שמערקעס פאהרט נאך אמעריקא	.5
יודקע שמערקעס גליקען אין אמעריקא	.10

יונגער שיפס־קאַפּיטאַן, 2טער טהייל, פון אין ווילדען אַפריקא, .10
ישוע הנוצרי, ד. מ. הערמאַלין .10
ישוע הנוצרי אָדער יוסף פּאנדרי, .10
לא תרצח, פון פּרענקעל, 1טער טהייל .10
לא תרצח „ „ 2טער טהייל .15
ליטווישער קעניג פון דיא שנאָרערס .25
ליעבע פון ד. מ. הערמאַלין, .10
ליעבע און מיליאָנען, .35
ליעבע און ראכע, .60
ליעבע און רעליגיאָן, .15
ליעדער אַלבום, .20
לעצטער בלוט שטורץ, .10
מאַדאַם באַבעטאַ, .10
מאַדאַם יצר הרע, .15
מאַריא מאַגדאַלענאַ .3
מגילת דרייפוס, .3
מזיקים, פון ב. גאָרין, .10
מחמד, .5
מסתרי פּאַריז, .60
מעשי בראשית, .15
נאַפּאָלעאָן דער 1טער, .35
נקמה פון אַ ברמגן, .15
נקמה פון אַ טאָכטער' 1.25
נתן דער חכם, .10
סאַפּהאָ פון אַלפּאָנז דאָדע, .15
סטעמפּעניו, פון שלום עליכם, .15
סיבירישע אייזענבאַהן, .25
עדעלשטאַט'ס געדיכטע, .15
פאַוסט פון געטהע, .10
פאָלקס קאַלענדאַר פון א האַרקאַווי, .10
פאַסקאַרעלאַ, .10
פאר'ן גלויבען און פאר'ן פאַטערלאַנד, .75
אַ פונק אידישקייט, פארזעצונג פון פּרעזידענט, .75
פּיאָטאָר דער גרויסער, .15
פליה מאַשין, .10
פלעוונאַ, .15
פּסח מאַגאַזין, 100 זייטען, .5
פערווילדעטער פירסט, 1.25
פערלאָרענע שיף, .35
פערקעהרטע וועלט מיט דיא נייע וועלט, 8 טהייל, פאַרזעצונג צו איד׳ און גרעפין און אַמעריקאַנישע גליקען, 1.—
פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, .20
פרויען הענדלער, 1.25
פרוכט פון זינד, .10
פרייע ליעבע, .15
פרינצעסין ציליקא, .10
פרינץ אַלס דעטעקטיוו. .35
פרעזידענט, 4 טהייל, .35

פּרץ,ס מעשה׳לאַך, .5
פּתרון חלומות, .5
צוואַנציג אידישע פאלקס ליעדער פון אליקום צונזער, .25
צוואַנציגסטער יאהרהונדערט, .10
צווייא פּאָרלעך, .10
ציגיינער, 4 טהייל, .65
קאָלומבוס, .3
קאַלט און וואַרעם, 4 טהייל, .50
קאַמעליענדאַמע, פון דיומאָ, .30
קאַרמען דעם טייוולס טאָכטער, .5
קיובאַ, .75
קליינע מענשעלאַך, .10
קלעאָפּאַטרע, .80
קעטען און קראָנען, .35
קראָנען און רעוואָלוציאָנען, .90
ראָטהשילד'ס ביאָגראַפיע, .10
ראָמאַנען אַלבום, .15
רוסישע געהיימניסע, 1.25
רוסישע קייזערין, .35
רוסישע שפּיאָנען אין בולגאַריען 1.25
ריעזען, .10
אַ רייזע אין אונבעקאַנטע געגענדען, .10
אַ רייזע ארום דער וועלט אין 80טעג, .25
אַ רייזע אין הימעל, .10
אַ רייזע צו זיד־פּאָל, .15
רעגינע, .15
רמבם'ס לעבענס בעשרייבונג, .3
שאַילאָק, .15
שוואַרצע דיאַמאנטען, .15
שוואַרצע האַנד, .40
שוואַרצע חברה, .25
שוואַרצע קונסט, .10
שווינדלער, .10
שטאָדט מסור, .15
שטאַרקער פון אייזען, .65
שטומער בעטלער, .80
שטערנזעהער, .35
שעהנע העלענאַ, .5
שפּאַניש־אַמעריקאַנישער קריעג, .40
אַ שפּאַציר אין גיהנום, .3
אַ שפּיצעל פון אַ פּורים שפּיעלער, .3
תחית המתים, פון נאָרדוי, .3

גראַף טאָלסטאָי'ס ביכער.

איוואַן איליטש'עס טויט, .10
איוואַן דער נאַר, .3
איך און מיין מאַן, .10
אַננאַ קאַרענינאַ, .25
טאָלסטאָי'ס ביאָגראַפיע, .3
מיין ווידוי, .10

מיין פריינד'ס פרויא, .10
דער נסיון, .10
פאליקושקא, .10
דיא פערפיהרונג, .10
צוויא דורות, .10
קריעג און פריעדען, .50
קרייצער סאָנאטא, .10
תחית המתים, .15

עמיל זאָלאַ'ס ביכער.

בלוטיגע חתונה, .10
אַ גלח'ס זינד, .10
דיא דאָרפס מיידעל, .10
וייבערשער גן־עדן, .25
זשערמינאַל, .40
דער טויט שלעגער, .30
ליעבעס נאַכט, .10
לעבען און טויט, .10
מענשליכע בעסטיעס, .15
נאַנאַ, .35
נאַנטאַ'ס אָדער דער געקויפטער מאַן, .10
עמיל זאָלאַ'ס ביאָגראַפיע, .10
פערגיפטעטער קוס, .25
פאַריזער דאַמען, .10
פון חופה צום קבר, .10
פרויען־ליעבע, .10

אַבראַמאָוויץ'עס ווערקע.

אַלטע מעשה, .10
דאָס ווינטש־פינגערל, .15
דיא טאַקסע, .15
יודעל, .15
פישקע דער קרומער, .15
דער פריזיוו, .15
דיא קליאַטשע, .15
שלמה ר' חיים'ס, .10

גאָלדפאַדענס טעאַטערשטיקע (פיעסען.)

אחשורוש, .10
באבע מיט'ן אייניקעל, .10
ביידע קוני לעמעל'ס, .10
בר כוכבא, .10
דאָקטאָר אַלמאַסאדא, .10
כשוף מאַכערין, .10
מליץ יושר אָדער ר' יאָזעלמאַן, .10
קאַבצענזאָהן און הונגערמאַן, .10
שולמית, .10

שייקעוויטש'ס טהעאטער־שטיקע.

דיא קאָקעטע דאמען, .10
דיא שפאַנישע אינקוויזיציאָן, .10

וויטצי ביכער.

אמעריקאַנישער וויטצלינג, .5
אַנעקדאָטען בוך, .5
הערשעלע אָסטראָפאָליער, .10
וויטצען אַלבום, .15
וויטצען פון קאָרט, .3
חייקיל דער ליץ, .5
מאָטקע חב"ד, .5
שייקע פייפער, .5

מעטהאָדעס צו לערנען ענגליש.

אָלענדאָרף'ס מעטהאָדע מיט'ן שליסעל 1.00
אַמעריקאַנישער לעהרער, בראָשירט אין טאַשען פאָרמאַט, .20
אַמעריקאַנישער לעהרער, געבונדען אין טאַשען פאָרמאַט, .25
דייטש פיר אָנפאַנגער, .5
יודיש־אַמעריקאַנישע שוהלע, געבונדען .25
נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע בראָשירט .25
נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע געבונדען .35
ענגלישע טאַבעלע, .2
ענגלישער אלף־בית, .5
ענגליש אין אַמעריקאַ, בראָשירט, .25
ענגליש אין אַמעריקאַ, געבונדען, .35
ענגלישער לעהר־בוך, .15
ענגלישער לעהרער, בראָשירט, .30
ענגלישער לעהרער, געבונדען, .40
ענגליש־רוסישע מעטהאָדע, געבונדען .35
קראַנץ'ס מעטהאָדע, 75
תורת לשון אַנגלי, אַ ענגליש־העברעאישע מעטהאָדע, .25

בריפענשטעלער.

האַרקאַווי'ס ענגליש־יודישער בריפענשטעלער און ספעלער, .30
האַרקאַווי'ס בריפענשטעלער געבונדען .40
וואַרן'ס ענגליש־יודישער בריפענשטעלער, .75
פריינקעל'ס ענגליש־יודישער בריפענשטעלער, .25
האַרקאַווי'ס ענגליש־יודישער בריפענשטעלער, פאָלשטענדיג, 1.00

ווערטערביכער.

ענגליש־יודישעס טאַשען ווערטערבוך, קלאָט באַנד, .40
ענגליש־יודישעס טאַשען ווערטערבוך, לעדער באַנד, .60
ענגליש־יודישעס האַנד ווערטערבוך געבונדען, .75
פאָלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווער־טערבוך, געבונדען, 2.25
פאָלשטענדיגעס יודיש־ענגלישעס ווער־טערבוך, געבונדען, 2.00
דיטא ביידע צוזאַמען געבונדען 1 באַנד 4.00

מעטהאָדעס.

אריטהמעטיק, אָדער רעכנען לעהרער, .10
בוכהאַלטונג און געשעפטס־פיהרונג, .25
דאָקטאָר־בוך פון דר. לאַנדעס, .25
דער לאַיער, לאַנדעס געזעצע, .10
דער סיטיזן, .3
קאָך בוך וויא צו קאָכען און באַקען, .25
קאָנסטיטוציאָן פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען, און וויא מען ווערט אַמעריקאַנער סיטיזן, פון א. האַרקאַווי, .5

קאָשינגס האַנד בוך מיטינגס געזעצע, .25
קאָשינגס האַנד בוך געבונדען, .30
שוואַנגערשאַפט און קינדער ערציהונג .15

מעטהאָדעס פיר קינדער צו לער־נען פון אנפאַנגס אלף־בית.

אלף־בית באותיות גדולות מאד, .3
וואַנט אלף־בית, פיר חדרים אויף ליינ־וואַנד, סייז 28 ביי 44 .50
דברי הימים לעם בני ישראל, געבונדען .15
דרך אמונה, שלחן ערוך לבני הנעורים .15
למדו היטב פון מ. פיק, .5
למדי הקריאה מיט ענגלישע איבערזעצ. .10
שפה חיה מיט 200 בילדער, געבונדען .15
המתחיל מיט 150 בילדער, „ .15
הפדגוג העברי מיט ענגלישער איבער־זעצונג, געבונדען, .15
תולדות ישרון מיט ענגלישער איבער־זעצונג, געבונדען, .15

דיעזע אלע ביכער, בראָשורען, מעטהאָדעס און ווערטערביכער זיינען פאָלשטענדיג, גאַראַנטירט אז עס פעהלט ניט איין בלאַט דיא פרייזען זיינען נור פיר יחידים (איינצעלנע קויפערס), בוכהענדלער בעקומען א גרויסען ראַבאַט (דיסקאַנט.)

דיא אלע ראָמאַנען און העפטען זיינען ניט געבונדען, ווען יעמאַנד וויל האבען געבונדען בערעכענען מיר 5 סענט פיר יעדען בונד פון 10 העפטען 6 סענט פיר יעדען בונד פון 15 העפטען.

דיא בענדער זיינען עקסטרא שטארק געמאַכט ספעציעל פיר לייבררעריס. אַלע אָרדערס ווערדען שנעל און פונקטליך בעזאָרגט, פאָרטאָ פרייא.

בעשטעלונגען, בריעפע און געלדזענדונגען צו אדרעסירען:

THE HEBREW PUBLISHING CO.,

122-128 Leonard St., Brooklyn, N. Y.